STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01843

FUN SHKHEYNISHN DORF

Herts Rivkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערץ ריווקין פון שכנישן דאָרף

אונטער דער אויפזיכט פון
מאיר ריספלער

הילע: סערדזשיו דינקולעסקו

Rivkin, Herts.
Fun shkheynishn dorf.
839.091
R

הערץ ריווקין

פון שכנישן דאָרף

קריטעריאָן־פארלאג
בוקארעשט 1977

839.091
R

פאָרוואָרט

ריווקינס ליד „קאלעא וואקארעשט“ — דער יידישער קוואַרטאל אין בוקארעשט — האָט באלד פארכאפט דעם יינגן דיכטער, וואָס איז אראָפּגעקומען פון זיין שטעטל קאפרעשט, און באלד אריין צווישן דעם יידישן עולם, צווישן דער שרייבער גרופּע, ווי יעקב שטערנבערג, משה אלטמאן, מאָטל סאקציער און אנדערע. ער האָט באלד זיך גענומען שרייבן זיינע וואונדערבארע לידער און פּאָעמען, זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען צווישן די פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין די דרייסיקער יאָרן.

דאָס דערמאנטע ליד זאָגט עדות, וועגן זיינע באגעגענישן מיט דער יידישער אָרעמקייט, און די מחשבות וואָס האָבן אים באפליגלט קומענדיק אין קאָנטאקט מיט די מאסן, מיט די אויסגעוואָרצלטע, און דאָך פול מיט עקשנות־דיקן קאמף פארן לעבן, א לעבן וואָס איז אזוי פּרעכטיק איבערגעגעבן אין שלום־עליכמס ווערק, איבערהויפּט אין זיין „טעוויע“ וועמען דער דיכטער הערץ ריווקין באגעגנט אים שפּעט באנאכט און כאפּט מיט אים א שמועס אין דעם קאפעהויז, ווו די וואָס האָבן נישט קיין אייגענע היים זיצן און דרימלען צו, ביז דער טאָג וועט זיך באווייזן:

„זיצן מיר דאָ ביידע.
איך — דער אייניק.
ער דער זיידע
און מיר האָרכן:
יידן מידע, כראָפּען, כאָרכלען
דאָ אויף אַלע טישן“

און ווייטער אין דעם זעלבן ליד:

ארייַנגעכאַפּט זיך אין די יידישע אָרעמאַנקסע שטיבער,
דורך בין-השמשותדיקע שויבן
און אומעטום געפּלאַנצט נאָר טרייסט ,ביטחון, גלויבן,
...גלעטן, גלעטן זייַנע ווערטער,
אויך די כראָפּענדיקע, מידע יידן רירן זיך — דאַכט — פון ערטער.

דער דיכטער איז זיכער, אַז די אויפקלערונג, די קולטור-אַרבעט וועל-כע ער און אַלע וואָס אַרבעטן אויף דעם געביט, וועט האָבן גוטע־רעזול-טאַטן, און הערץ ריווקין פאַרענדיקט דאָס ליד:

„און יידן וועלן הערן,
וועלן לאַכן, עס וועלן וואַרגן זיי די טרערן
און ס'וועט אפשר לייכטער ווערן".

דעם דיכטער כאַרכאַפּן די „נאַכטיקע לידער, פון שכנישן דאָרף". ער הערט די מונטערע לידער וואָס „פליסן ווי זאַפטיקער האָניק", ריווקינס געפילן און ליבשאַפט צו די דאָרפס-יונגען זעען אויסגעגאָסן אין דעם דאָזיקן ליד „פון שכנישן דאָרף" וואָס איז געזונגען געוואָרן אין יענער צייט אין די פּראָ-גרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. דאָס ליד וואָס ענדיקט זיך:

„גיסן אַזוי זיך פון שכנישן דאָרף, היימישע, זאַפטיקע טענער.
ביז ס'הייבט אָן פאַרמאָרגן צו וואַרגן די נאַכט
און ס'הייבן אָן צו קרייען די הענער".

איז זיין ליד „איבערבראָך", זעען מיר שטעטלעך „וואָס דרימלען אין בענקען נאָך עפּעס". די שטיבער אין טרויעריקער בענקשאַפט, פאַרמאָגן יונגען וואָס חלומען און זוכן, געפינען זייערע דרכים אין די גרויסע שטעט, ווו:

„די ייִנגלעך און מיידלעך דרייען זיך אום אין די גאַסן
מיט ליידיקע מאָגנס און צאַרנדיקע בליקן,
זיי זעען ווי עס גיסט זיך אויס אויף גאַסן זאַטקייט מיט הונגער,
זויגט יעדן טאָג פרישן מאַרך פון די ביינער,
שפּראַצט אַ זאַרדראָס וואָס צעוואַקסט זיך אין הערצער,
וואָס האַרטעוועט פויסטן ווי גאַסיקע שטיינער".

דער דיכטער, דער קעמ-ער, ווייזט דעם וועג אין יונגע פינצטערע סי-גוראנצע־יאָרן, און:

„פאַרשווינדן ווערט אומעט פון יינגלישע אויגן,
הערצער זיי ברויזן, פויסטן זיי דראָען,
וואקסן אזוי יענע קרעפטיקע מחנות
וואָס טראָגן די פענער פון אויפשטאנד, אויף גאסן
זיי ברענגען דעם רוף פון רעוואָלט אין קווארטאלן
וואָס הונגער אליין האָט געלערנט זיי האסן.

וועמען גייט דען אָן די סכנות וואָס לויערן אויף אלע גאסן?

אין וואָס, אז די תפיסות די גרויע, זיי האָבן
די גיריקע מיילער צעעפנט, צעפראלט,
עס שפּראָצן די מחנות פון קעמפער און וואקסן,
ווי גראָזן אויף פעלדער, ווי בוימער אין וואלד".

דאָ, אין דער שטאָט וו די יונגען האָבן זיך באגעגנט פנים אל פנים מיט דער עקספּלואטאציע, איז אלץ פאר זיי שוין קלאָר. די בענקעניש האָט באקומען דעם תיקון:

„הונדערטער יונגען מיט מוט אין די בליקן,
ווער קאָן דען זיי ציילן, ווער ווייסט זייערע נעמען?
א בענקעניש אין די הערצער אין זייערע
זיי ווייסן נאָך וואָס שוין, זיי ווייסן נאָך וועמען".

די קאמפן פון מאדריד שטייען פארן דיכטערס אויגן, ער פארשטייט נישט, ווי דיכטער קאָנען שטיין פון דערווייטנס און נישט באזינגען די גרויס־קייט און די גבורה פון די קעמפער:

ווי קאָן מען הייגט דערזינגען ביזן סוף א ליד
און ס'זאָל זיך ניט ארייגרייסן אהין דער ריטם פון די טריט
פון קעמפנדיקע העלדן אויף די גאסן פון מאדריד.
ווער קאָן עס הייגט דערזינגען ביזן סוף א ליד;"

(א ניט דערזונגען ליד)

אינעם ליד „צו יעקב שטערנבערג“ דריקט אויס אויף א מייסטערישן אופן דער דיכטער הערץ ריווקין דעם צויבער וואָס דער גרויסער פּאָעט יעקב שטערנבערג האָט אים אדורכגעגעבן מיט זיינע פּרעכטיקע לידער וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן. דאָס שאפן, די נויט, דעם געראנגל אין וועלכע ער האָט זיך געראנגלט זיין גאנצן לעבן. אויך דאָ פארגעסט נישט ריווקין:

„אי די טונקלקייט פון שטעטלישע פארנאכטן
אי די לויטערקייט פון דאָרפישע פארטאָגן:
כ׳וועל זיי טראָגן שטאָלץ אין מיינע אויגן,
אפילו ווען כ׳וועל זיין פארמוטשעט
און פון שטאָט-ווירוואר א מידער
אזויווי דו האָסט זיי געטראָגן יאָרנלאנג אין דיינע לידער.

די השתפכות הנפש ריווקינס גייט איבער די ברעגעס און ער ענדיקט זיין צויבער ליד:

ס׳איז מיר גרינגער
דאָ צו ריכטן אינעם ריטם פון דער שטאָט
מיין שטילן, שטעטלשן טראָט
ווען כ׳טראָג די לידער דיינע אין מיין הארצן“.

טרויער און פרייד שפּיגלען זיך אָפּ אויף א הארציקן אופן אין דעם דיכטערס ליד „קויל-שטריכן“.

— „אומעט פלאַטערס אויף די וויעס דיינע,
ווי א הארבסטיק בלעטל אינעם ווינט.
און אז ס׳צעבליט זיך אין דיין בליק דער פרילינג —
שפּילן זיך פארשייטע אויף דיין פּנים
פרייד און אומעט ווי א צווילינג“.

דער דיכטער ריווקין אין ווען ס׳שפּרודלט זיין ליבע און צוגעבינדנקייט צו דער רויקייט פון די „דאָרפישע גרינע פּייסאזשן די דאָרפישע לידער וואָס גייען אים נאָך צווישן די שאָטנס פון גרויס-שטאָטישע בלאָקן, וועלכע

ער היט זיי — די לידער, און האָט מורא ער זאָל זיי נישט פארשוועכן. ווען ער טרעפט אָבער דאָ אין דער עיר הבירה:

„די יינגען און מיידן
מיט היימישן הולך, מיט היימישן דיבור,
וואָס טראָגן אין הערצער אזויפיל פארדראָסן
פאר שווערע מעת־לעתן אין שטויב פון פאבריקן,
וואָס טראָגן דעם אומרו פון שטרייקן אויף גאסן
און בליאסק פון עקשנות אין גלויביקע בליקן
און דאכט זיך ס'איז אלעס אזוי מיר היימיש,
אזוי מיר דאָ נאָענט מיט האנט צו דערלאַנגען."

און באלד דערזעט ער ווידער דאָס שטעטל מיט די הייזקעס און די דאָרפישע כאטעס; די מאמעס די טאטעס אין ווצמענס שיין ער וועט אויסדיכטן אין זיינע הארציקע לידער. כאָטש ער איז אזוי צוגעבונדן צו דער היים צו דער נאטור, צו די וועלדער און גערטנער, האָט אויף אים געמאַכט א גרויסן רושם די שטאָט ווי ער האָט זי אויבן באשריבן און אלץ ווערט אים נאָענט, אזוי ווי ער ענדיקט דאָס וואזשנע ליד „מיט האנט צו דערלאנגען":

— „און דאָך ווערט מיר אלעס אין שטאָט אזוי נאָענט
אזוי מיר דאָ נאָענט ווערט אלעס און היימיש,
די קאמפן, די שטרייקן, די שטרויענגע פאבריקן,
די הונדערטער יינגען מיט מוט אין די בליקן
און כ'פיל אז איך וועל מיך אויף שטאָטישע שטראָזן
מיט פרייד און מיט אימפעט א מאָל נאָך צעלאָזן
אין וויכער פון מונטערע, נייע געזאנגען...
...אזוי נאָענט איז אלעס מיט האנט צו דערלאנגען..."

דער סאָציאלער הומאניזם ריווקינס דריקט זיך שטארק אויס אין דעם ליד „רעפלעקסן".

שיין און טיף איז ריווקינס אָדע „אָקטיאבער שפילט". מיט לייב און לעבן דרינגט ער אריין אין די טיפענישן פון זיין געמיט, ער זאָל ארויסברענגען דעם גרויסן באטייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פרייד און גלויבן האָבן אָנגעפילט זיינע רמ'ח־אברים, דער הארבסט האָט זיך פארוואנדלט אין

פריילינג. אלץ זינגט פול מיט פרייד און גלויבן אין א נייער שיינער וועלט, וועלכע דער דיכטער זעט זי שוין:

„אקטיאבער שפּילט
און ס'הילט
זיין ניגון איין
יאָרהונדערטער געשיכטע".

א שטיק רעוואָלוציאָנערע געשיכטע גיט איבער אין וואונדערבאַרע פֿערזן דער עפּאָס „דער זייגער כּונעם קרעמל־טורעם". ריווקין חזרט איבער צום סוף פון זיין אינהאַלטפולן עפּאָס:

„עס צינדט זיך אָן צומאָל אזוי אין מיר
א מאָדנע גליענדיק באגער,
אָנגעשפּיצטער ווערט מיין בליק,
אָנגעצויגן מיין געהער
און אין הארצן טוט אזא מין ווייטעקלעכער נאָג,
עד, ווען איך קאָן איצטער מעלדן
יענע טויזנטער — פאר אונדזער פרייען טאָג —
געפאַלענע אין שלאַכטן העלדן,
אז זיי זענען מיט אונדז דאָ
קיילעכדיקע פיר און צוואַנציק שעה
און טאָג־אויס, טאָג-איין
זיי וועלן מיט אונדז אייביק, אייביק אזוי זיין".

אין דעם ליד „נישטאָ ביי אונדז קיין פוסטע שעה" זעען מיר דעם דיכטער, אינזשינער, וועלכער ארבעט אין דער מלחמה־צייט אין א שטארקן ריטם און פארלאנגט פון אלע דאָס זעלבע. ער רופט אויס:

„ניטאָ ביי אונדז קיין פוסטע שעה.
די ארבעט רופט, די ארבעט מאָנט.
ס'איז הינטערלאַנד דאָס זעלביקע — ווי פראָנט!"

די אָפענסיווע פון די סאָוועטישע ארמייען קעגן דעם אָקופּאַנט — די באַרבארישע היטלער־מערדער — זעט דער דיכטער: גלייך ווי אויך דער גאַנ־

צער חלל, האָט אויפגענומען מיט א ציטער, אָט די גרויסע רגעס, רגעס פון אויסלייז, רגעס פון גבורה, רגעס פון צאָרן, רגעס וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אויפן גאַנצן פּראָנט. דער דיכטער זעט אויך ווי די לבנה און די וואָלקנס האַלטן מיט חמה מיט דעם פאַרעיפּושטן שונא, דער שונא פון דער מענטשהייט, דער היטלערישער קאַניבאַליזם — די לבנה האָט איר ליכט באַהאַלטן. די וואָלקנס האָבן איינגעהילט די שטערן.

דאָס זעט מען אין דעם באַפליגלטיקן ליד „שטילער דניעסטער, שטילער ווו ער מאָלט אויס אָט די גרויסע רגעס, וואָס זייער באַטייט באַטייט, אַז דער היסטאָרישער מאָמענט איז עלול צו ברענגען אויסלייז פאַר דער וועלט, וואָס איז אין א גרויסן טייל פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פאַשיסטישער מערדע-רישע חילות:

„לייכטער זיין דאָס שפּרייזן זאָל פון רויטן חיל
דורך בלוט און פייער, דורך קראַנקע וועגן
צו די שטעט און דערפער וואָס זיי גאַרן נאָך א גואל
ווי עס לעכצן גרונטן — אין דער טרוקעניש — נאָך רעגן.

א ליריש ליד פול מיט טיפע און איידעלע ליבע געפילן, שטראַלן ארויס אין דעם ליד „ענטפער“:

ס׳איז נאַכט. איך גיי אהיים פון ארבעט מיד
א שטראָם א גליענדיקער פליסט אין יעדן גליד,
און ליפּן מיינע שעפּטשען שטיל
די שורות פון א יענער קורצער ליד,
וואָס דו האָסט ביי די ברעגעס פונעם נאַרוואַ-טייך געלייענט
און שטיל געוויינט.

און דאָס ליד ענדיקט זיך לייענענדיק דעם ענטפער:

„ציטערט דאָס פּאַפּיר אין האַנט, און פּלוצעם איך דערפיל
א שליוז האָט אויפגעריסן —
דריי איך מיך פאַרשעמט אוועק
עס זאָל מיין פרוי נישט זען
ווי טרערן פון די אויגן פליסן...“

ריוווקינט אָנקער מיט דער אוראַלטער ייִדישער קולטור, מיט דער טרויריקער געשיכטע פֿונעם ייִדישן שטאָם זייט טויזנטער יאָרן, שווימען ארויף פֿון די טיפֿסטע טיפֿן פֿון די ממעמקים צו דעם בליאַסק פֿון די שטערן, צו די בלויע הימלען. ער זעט מיט זיין פּאָעטישן כּוח הדמיון דעם געראַנגל פֿון די מחנות וואָס רוען נישט נאָר מאָגנען און דראָען. זיי טרייבן פֿון זיך אַוועק דעם טרויער וואָס האָט זיי אַרומגענומען. דער איצטיקער חורבן קומט אים שטענדיק פֿאַר זיינע אויגן, ער זוכט זיך אויף א רגע זיך צו באַרויקן, נאָר דער היימישער פּייסאַזש לאָזט אים נישט רוען. ער זעט אויף די וועגן דערשראָקענע עדות ייִדן וואָס אַנטלויפֿן זיך ר. טעוועז, אָבער ער זעט „איבער זיי די לבנה א שווימענדיקער שאַרבן“. זיין באַליבט שטעטל זעט ער אויף די וועגן. צווישן פֿעד און שוועבל אונטער א האָגל פֿון פֿייער.

„ס׳איז מיין שטעטל אויף די וועגן,
און זיין גירלדיקן וואָגל
איך נעם אַרום א יעדן ייִדן
קוש אים אויס פֿון קאָפּ ביז נאָגל
פּליטים, פּליטים אויף די וועגן
שטויב איבער די קנאָכן.
ס׳איז מיין היים אין פֿייער,
ס׳איז מיין זעל צעבראָכן“.

דער דיכטער, דער פֿאַרליבטער אין זיין שטעטל, קאָן נישט פֿאַרגעסן די ייִנגע יאָרן וואָס ער האָט געלעבט אין דעם שטעטל, די יאַטן וואָס האָבן געוואָלט אַרויסציִען די לבנה פֿונעם ברונעם. דער כּוח הדמיון זיינער דערזעט אין דער טונקל דעם וואַסערפֿירער וועלוול לאַמעדוואָווניק, דאָס פֿערדל דאָס מאָגערע, די קאַנען, וועלכע ער האָט געירשנט פֿון זיין זיידנס זיידע. די פֿאַנטאַזיע, וואָס איז אין דעם פֿאַל „דיכטונג און וואָרהייט“ פֿירט דעם דיכטער אין רוים און צייט. ער זעט אויף א מהלך פֿון טויזנטער מיילן אויף די שטחים פֿון דערפֿער, שטעטלעך, שטיבער, ס׳מישן זיך אויס רוימען. ס׳מישן זיך אויס צייטן. און זיין וועלוול דער וואַסערפֿירער פּליט, יאָגט צוזאַמען מיט זיין פֿערדל צו לעשן די שׂרפֿות. ער זעט „אין די פֿלאַמען — זיינע אויגן. אין די פֿלאַמען זיין גרויפֿערדל“. ריוווקין יאָגט צוזאַמען און דערזעט אויף דער שוועל פֿון דער כאַטע „קאַנען — רויטע וואַסער. פֿערדלס בליקן טרויעריק דערשראָקן. בענקשאַפֿט מיינע, האָסט געבראַכט מיך אַהער צוטראָגן און איך ווייס ניט: כ׳בין א קינד צי א גרויער זקן“.

דער דיכטער קאָן נישט באַהערשן די בענקשאַפט. זי איז געוואַלדיק שטאַרק. זי נעמט אים אינגאַנצן איין, ער איז אין איר רשות. ער ווערט צע־קאָכט, צעחושט פאַרצאַרנט, ווען ער דערזעט זיין טאַטנס חרוב הויז, די צעבראָ־כענע ליידיקע ביכער שאַפע. די צעריסענע בילדער פון פרץ סמאָליענסקין און פון משה ליליענבלומען, און ווו איז די מאַמע, די יידישע מאַמע?

„אויף וועלכע וועגן זיצט זי פאַרקאַרטשעט, געבויגן
און אין בענקשאַפט נאָך די קינדער אירע
ווו וויינט זי אויס זיך אירע אַלטע, מידע אויגן?"

איז נישט די דאָזיקע היסטאָרישע מאַמע „רחל מבכה על בניה". יאָ, דער פאַרגלייך איז אפשר דער זעלבער, אָבער וואָס פאַרא מהלך און וואָס פאַרא פאַרגלייך? דער איצטיקער חורבן האָט צו זיך נישט קיין פאַרגלייך.
דער מאַמעס בלייער ניגון שוועבט אים נאָך. ער גייט אַרויס פון דער חורבה, ער וויל זען דעם ברונעם ווי ער מיט זיינע חברימלעך פלעגן זיך שפּילן ביז נאַכט, ווו זיי האָבן געשווירן אַרויסציען די לבנה אין עמער. אָבער ווי, אויך דאָ קומט אים פאָר דער אומקום פון די קינדער, דאָס מאָל זעט ער דעם אומ־קום אין די טיפענישן פון ברונעם „אַ ברענענדיק ליכטל, אין וואַסער איך זע ווי עס צאַפּלט און וואַרפט זיך, אַ קינדיש געזיכטל".
פונעם אָרום פון צווישן דעם גראָז, און פונעם פליוסקען פונעם וואַסער הערט ער די געוויינען פון די קינדער, זיי רייסן זיך אַרויס פון זיין האַרץ אפשר? באַלד דערזעט ער ווי דער גאַנצער שטח וואָס איז באַוואַקסן מיט גראָזן, ציען זיך „לאַנגע געדיכטע שאָטנס".

און אויך דאָ נאָך איבער צוואַנציק יאָר. דערמאָנט זיך דער דיכטער אין די לידער פון זיין יוגנט וואָס האָבן געקלונגען אין די פאַרגעשריטענע קרייזן. ...„נאַכטיקע לידער פון שכנישן דאָרף". ער פרעגט: „ווו זענט איר? ווו זענט איר, אַצינדער צי האָט אייך דער שוואַרצער מחבל פאַרטריבן אינאיי־נעם מיט שאָף און מיט רינדער".

ער טרייסט זיך וויל ער ווייסט, אַז די יאָטן וואָס האָבן אַמאָל געזונגען די „דאָרפישע לידער", האָבן זיי מיטגענומען, נישט רעכענענדיק זיך פאַר דעם טויט-געפאַר, יאָגן זיי קעגן די אָנגרייפער. די דערינערונגען פון פריער מיט צוויי צענדליק יאָרן, זענען דאָ אויפסניי געוואָרן אַ יש. די אַמאָליקע יאָטן זעט ער שוין ווידער דאָס מאָל, פאַרטיזאַנען וואָס רעכענען זיך אָפּ מיטן שונא

און ווידער ווי אין א פילם דערשיינט די מאמע, צוזאמען מיט איר, אויך די פרילינג־גערוכן פון די היימישע מקומות. ער אבער וואס רייט ארום געביטן, ווייטע, וואס ציען זיך אויף אומצאליקע מיילן דערפילט ווי די בענקשאפט לאזט אים נישט נאך. זיי רייטן ביידע.

„דערפער, שטעטלעך נישט דערברענטע".
„בלינדע שטיבער, ווי בעלי־מומים".
„בלאנקען זיי אויף פרעמדע וועגן"
ווי ווערט זיין דיר אונטערצינדער!"
ערגעץ וויינט א שטים פון ווייטן.
עס רופט א מאמע אירע קינדער...
אוי דו טרויער מיינער, טרויער
ווישט די טרער אפ פון די אויגן

אויף די שליאכן פון מיין היימלאנד הענגט שוין אויך א רעגנבויגן.

*

אט אזוי זעט אויס ריווקינס גרויסער פאעם; אין וועלכן ס'איז אפגעשפיגלט מיט גרויס קינסטלערישן ליידנשאפט די גרויזאמע צייט פון די היטלער־יארן — אין זיין פאעם „דער צוריקקער".

אין דעם וויפולן ליד „מיידאנעק" זעט מען דאס צעבראכענע הארץ פון נעם צארטן דיכטער. ער קאן זיך נישט קיין עצה געבן ווי אזוי צו באוויינען דעם גרויסן חורבן „דעם אומקום פון טויזנטער עדות פארפייניקטע יידן. ווי אזוי קאן מען אויסדריקן דעם ווייטיק, ווען מען הערט — „דעם געיאמער פון קינדער וואס ברענען, געווען איז דער נחת פון דייטשן, זייער תענוג". דאס בלוט זידט אין אים. עס ברויזט, ער צארנט און פארלאנגט מ'זאל באצאלן די פאשיסטישע הארדעס, פאר די חורבנות פון ווארשע, פון אוקראינע, פאר די אומגעבראכטע עופהלעך „משהלעך, שלמהלעך". ליידער זענען ביז איצט נישט געמשפט געווארן די אלע גרויסע מנובלים, ווי אזוי דער דיכטער האט זיך אויסגעמאלן און איז געווען גאנץ זיכער, אז זיי וועלן באקומען דעם טויזנטער מאל פארדינטן עונש.

ריווקין איז אויך זיכער געווען, אז די פארברעכער וועלן ווערן געהאסט און פארמיאוסט פון די אייגענע זון וואס וועלן זיי שפייען אין פנים און נישט

וועלן זיין אונטער איין דאך, זיי פארטרייבן, ווי די קרעציקע הינט. דאס זעט מען אין זיין ליד: „אז דער זון וועט דיך פרעגן". דאס איז אויך געווען א ווונטש פונעם פאעט. ס'איז אבער א שאלה צי איז דאס טאקע אזוי געשען? צי וועט עס אמאל מקוים ווערן?

נאך אזויפיל איבערלעבונגען, נאך אזויפיל טרויער אן א שיעור און אן א סוף וואס האט אדורכגענומען דעם אומגעטרייסטן דיכטער די גאנצע צייט פון דער מלחמה, אומעטום, און אין יעדער שעה, באטאג און ביינאכט, אויף דער ארבעט, און ווו ער זאל זיך נישט געווען געפונען, האט אבער די געוואלדיקע בשורה, דער זיג איבער בערלין. איבער די פארהאסטע מנובלים וואס האבן געבראכט די גרעסטע שרפות, וואס האבן גורם געווען די שרעקלעכסטע מלחמה, זייט די וועלט שטייט, די צענדליקער מיליאנען קרבנות און צווישן זיי זעקס מיליאן יידן וואס זענען אומגעקומען אויף די וועגן, אין די לאגערס, געטאס, ווען די אבילות האבן ארומגעכאפט די בעסטע מענטשן פון פאלק. שרייבט דער דיכטער דאס טרייסט-ליד: „וויש אויס מיין פאלק פון אויג די טרער".

„וויש אויס מיין פאלק די טרער
דיין וויי אין הארצן טיף באהאלט,
עס זאל קיין צוים אין גאנג קיין שטער

נית זיין פאר גרויסער פרייד וואס קוואלט:

„ווארף אפ דאס אש פון דיינער זעל,
דו דארפסט די טרייסט, איך וויים, איך ווייס,
די פרייד וואס ריזלט צו דיין שוועל,
איז אנגעזאפט אין בלוט, אין שווייס.

דער זיג, דער סוף פון דער מלחמה, האט אויף דעם דיכטער אזוי געווירקט, אז דער אלטער יידישער בטחון האט זיך אין אים דערוועקט, און פאר התפעלות פון דעם גרויסן געשעעניש וואס הייסט שלום, — האט אים דעם פאעט, — באפליגלט און ער האט אנגעשריבן דאס ליד „א גוט מארגן דיר וועלט".

דורכזיכטיק בלוי איז דער רוים, דער ארומעט
דורך מיין טונקל פארבלוטיקטער שויב
שניידן אריין זיך צעזילבערטע שטראלן
און לעכערן דורך דעם בלייאיקן שטויב,
וואס האט זיך געלאזט אויף מיין יידישן אומעט".

הערץ ריווקין איז געבוירן הערצל גייסינער, אין יאר 1909 אין קאפרעשט, געשטארבן דעם 14־טן נאוועמבער 1951.

*

דער דיכטער וואס איז אראפגעקומען קיין בוקארעשט אין יאר 1935, האט באלד נאך זיין באזעצן זיך אין דער הויפטשטאט, וווּ ער האט געארבעט אלס בוי־אינזשינער נישט פארגעסן, אז ער איז אויך א דיכטער און האט אונדז מזכה געווען מיט זיין לידער-זאמלונג, „פון שכנישן דארף", ליד און עלעגיען, בוקארעשט, פארלאג „שויבן" 1938. וועגן די לידער האבן מיר אויבן געשריבן, ווי אויך וועגן די וואס ער האט געשאפן אין דער צייט ערב־מלחמה, ווי אויך די געשאפענע אין דער מלחמה-צייט און נאך איר.

מיר ווילן דא אויך אנווייזן, אז הערץ ריווקין, וועלכער האט דא געשריבן נאר לידער, האט אבער אין די פערציקער יארן, געשריבן אויך זייער געלונגענע פראזע וואס האט איבערראשט די ליטעראטור קריטיקער, און דער דיכטער-דערציילער האט געווונען דעם צווייטן פרייז אין א אלפארבאנדישן יידיש־ליטעראטור-קאנקורס וואס איז פארגעקומען אין יאר 1946 — פאר זיין קורצער דערציילונג „דער טאטע מיטן זון".

א גאר גרויסן דערפאלג, האט געהאט זיין גרעסערע דערציילונג „ארום דעם קעסל־צעך".

אין דער היינטיקער זאמלונג גייען אריין א חוץ די לידער און פאעמען אויך די דערמאנטע דערציילונג „דער טאטע מיטן זון", „צוויי ברידער", „זוניקער פארטאג", און „המשך".

דער לייענער וועט זיכער האבן א גרויסן נחת-רוח, ווען ער וועט לייענען די זייער געלונגענע דערציילונגען, אין וועלכע דער דיכטער האט באוויזן זיין גרויסן טאלאנט, דאס מאל אין דער פראזע, וווּ אלץ איז געמאסטן און געוויגן.

דער צארטער דיכטער, דער איידלער דערציילער, דער אויסגעהאלטענער מוטיקער קעמפער, שטייט פאר אונדזערע אויגן. מיט זיין ריזיקן קינסטלערישן געשטאלט, וואס איז אזוי יונג פארשניטן געווארן.

צום פינפאונצוואנציקסטן יארצייט, דערשיינט דאס דאזיקע בוך. זאל דאס זיין א הזכרה דעם אומפארגעסלעכן דיכטער און דערציילער. דעם טייערן הערץ ריווקין.

מאיר ריספלער

פון שכנישן דאָרף

לידער

באגעגעניש

קאלעא־וואקארעשט
האלבע נאכט שוין לאנג פארביי.
איינס.
צוויי.
דריי.
איינס, צוויי, דריי.
ס'האָט א זייגער זיך פארשפעטיקט.
האלט ער אין שלאָגן.
זענען טאָג און האלבע נאכט
ביידע אָפּ זיך שלאָפן לייגן
מיטן לעצטן טראמוויי־וואָגן.
איינס, צוויי, דריי.
איינס, צוויי, דריי.
ווער איז ער דער אלטער וואָס ער קומט מיר דאָרט אקעגן.
שטויב אויף זיינע קליידער. שטויב פון וואנדער־וועגן.
דאכט מיר — נאָר א שאָטן.
ניין, ס'איז א באקאנטער.
בליקן זיינע טריבע ווינקען דאכט און שמייכלען.
אין צוויי גרויסע שטיוול היימיש אזוי שפאנט ער.
יאָ.ס־איז א באקאנטער.
יאָ ס'איז א באקאנטער.

ט'איז ער לעבן מיר שוין.
שטעקט מיר אָפּ א„שלום“.

— שלום זאָג איך, שלום.
פון וואנען אזוי שפעט גאַר, פון וואנען און וווהין?
שמייכלען זיינע אויגן צי גאַר ווילן וויינען,
בליקן זיינע — סאמעט-בליקן — זיבן חנען.
יאָ, ס'איז זיינע אויגן אויך די באָרד איז זיינע.
— „פרעג איצט ניט קיין שאלות, פרעג ניט וווּ אהין?
„אָפּן נאָך א טשיינע?
„קום און פּתח שין“.

גייט פון טיי די פּארע.
פּארע גאנצע וואָלקנס.

כ'זע נאָר זיינע אויגן,
כ'פיל נאָר זיינע בליקן
אָט זיצט ער קעגן מיר נאָך, אָט שוועבט ער צו די באלקנס
ווארפט אראָפּ די שטיוול, טוט אויס די קאפּאָטע.
— דערציילט, זאָג איך, רעב טעוויע, ציט ניט די נשמה,
וואָס מאכט עפּעס דער טאטע.
וואָס טוט עפּעס די מאמע
וואָס מאכן דאָרטן יידן אין אזא עת־צרה?...

— געדענקסט נאָך, זאָגט ער, הערציק, א שטיקעלע גמרא,
ס'איז דאָ ביי אונדז א מדרש, אז על אחרון, אחרון,
ועל ראשון, ראשון. — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
זיצן מיר דאָביידע.
— איך — דער אייניק,
— ער דער זיידע
און מיר האָרכן:
יידן מידע„ כראָפּען, כאָרכלען
דאָ אויף אלע טישן“.

ווער זשע האָט עס איינגעצויגן דאָ אזוי די לאָמפּן?
ווער האָט אָנגעווייעט דאָ אזא געדיכטן טרויער?
זיץ איך, זיץ און הער (בין גאָלע, גאָלע אויער):
„מסעות־טעוויע" — טעוויעס רייזע אווענטורע
(צום לייענען און צום זינגען מיטן ניגון פון דער גמ'ראָ)
וויאזוי ער האָט ארויסגעריסן זיך פון א מיט זיבן שלעסער
צוגעמאַכטן שראַנק מיט ביכער.
— כאָטש געבליבן איז דאָרט גאַנץ דער זיגל —
און די ווערטער זיינע האָבן אָנגעטון זיך פליגל,
געפלויגן און געפלויגן
ווי נאָר ס'האָבן זיי געטראָגן די אויגן.
אריינגעכאַפּט זיך אין די יידיש־אָרעמאַנסקע שטיבער,
דורך בין־השמשותדיקע שויבן
און אומעטום געפלאַנצט נאָר טרייסט, ביטחון, גלויבן.

ווער זשע, ווער זשע האָט עס איינגעצויגן דאָ אזוי די לאָמפּן?

גלעטן, גלעטן זיינע ווערטער,
אויף די כראָפּענדיקע, מידע יידן רירן זיך — דאכט — פון ערטער.
רייבן זיך די אויגן אין דער טונקל.
באַלד וועלן זיי באַפאַלן אונדזער ווינקל
און טעוויע וועט פאַרקאַטשן זיך די אַרבל
און וועט אוודאי,
נעמען אונדז דערציילן נייע מעשות וועגן דער האָמאַדע,
וועגן סטאַראָסטע איוואַן פּאָפּערילע
און אפילו
וועגן דעם אוריאַטניק — סאַרא שלאַק איז
און אפשר אויך א נייעם „לך לך", א נייעם „וחלקלקות".
און יידן וועלן הערן, וועלן לאַכן, עס וועלן וואַרגן זיי די טרערן
און ס'וועט אפשר לייכטער ווערן. — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

קאלעא וואקארעשט.
האלבע נאכט שוין לאנג פארביי.
איינס, צוויי דריי.
איינס.
צוויי
דריי.

פון שכנישן דאָרף

נאַכטיקע לידער פון שכנישן דאָרף
פאַרבלאָנדזען אַמאָל צו מיין גאַניק,
זיי לעשן מיין טרויער, זיי גלעטן מיין אומעט
און פליסן ווי זאַפּטיקער האָניק.

לידער כּאַכלאַצקע, מונטערע, פרישע,
וואָס שמעקן מיט פעלד און מיט שייער —
זיי פולן די לופט אָן מיט ווארעמקייט ליבער
וואָס שטראָמט פון א היימישן פייער.

נאַכט איז אין שטעטל. איך ליג אויפן גאַניק.
ווער דאַרף איצט דער מאַמעס געלעגער,
איז וואָס אַז ס'איז איינס, איז וואָס אַז ס'איז צוויי,
איז וואָס אַז ס'איז דריי שוין דער זייגער?

הער איך און ווייס ניט, ס'איז יום־טוב אין דאָרף,
צי ס'הוליען דאָרט גלאַט אַזוי יונגעז.
אַז וואָס איז דער חילוק, א באַלד וועט מיר דאַכט
די לבנה אויך אָנהייבן זינגען.

גיסן אזוי זיך פון שכנישן דאָרף
היימישע, זאפטיקע טענער,
ביז ס׳הייבט אָן פרימאָרגן צו וואַרגן די נאַכט
און ס׳הייבן אָן קרייען די הענער.

פרילינג

ס'האָט א ווייע געטאָן הײנט מיט פרילינג אויף שטאָט,
ס'האָבן גאסן פון שטאָט זיך אין זון אײנגעהילט.
אויף ווענט און אויף פענצטער, אויף שטײנערנעם ברוק
האָט פרײדיק אזוי זיך דער פרילינג צעשפּילט.

וואָס זשע שמעקן גאָר הײנט דאָ די גאסן מיט דאָרף
ווער האָט עס פארשלעפּט אהער קאזארמישן טראָט,
ווער האָט עס געוואָלט אז קאזארמע און דאָרף
זאָל טרעפן זיך הײנט דאָ מיט פרילינג אין שטאָט?

מיט לידער אויף ליפּן און טרויער אין הערצער
ציען זיך זעלנער־רעקרוטן אויף גאסן.
עס האָבן די מאמעס באװײנט זײ ווי טויטע,
געליבטע — ווי שוועסטער מיט טרערן באגאָסן.

ס'האָט פרילינג שוין ברייט זיך צעלײגט איבער דערפער,
עס וועלן שוין פעלדער באלד אָנהײבן גרינען...
נאָר דאָרפישע כאטעס באזעצט האָט א אומעט:
מ'האָט זעלנער־רעקרוטן באגלייט הײנט צום דינען...

עס שרייבן גאזעטן אלץ מער פון מלחמה
און ווארפן אויף דערפער אן אומרו און שרעק,
איז אומעט נאָך שווערער דערפאר אין די כאטעס
וואָס איצט זעבען יונגעע פאר זעלנער אוועק.

זענען גאסן פון שטאָט היינט פארפלייצט מיט רעקרוטן
וואָס ציען צור באן, צום זעלנערשן צוג.
דאכט זיך עס האָבן די דאָרפישע יונגען,
צעטראָטן דעם פרילינג אויף שטיינערנעם ברוק.

ביים קאַזאַרמישן טויער

ביים קאַזאַרמישן טויער שוין הונדערטער מאָל
האָב איך אויסגעצײלט הײנט מײנע נאַכטישע טריט —
מײנע זעלנערישע טריט.
ס'איז געלעכטער;
כ'בין געוואָרן דאָ הײנט אַ קאַזאַרמישער װעכטער,

כ'מוז היטן קאַזאַרמעס װאָס זענען געװיקלט
אין זעלנערישן עלנט
אין פּײן און אין צאָרן —
קאַזאַרמעס װי ברױזנדער װילן פון יונגען
פּאַרטױבט װערט מיט גרילצן פון מעשענעם האָרן.

ס'איז נאַכט.
מידע, דערשלאָגענע שלאָפן די זעלנער.
חלומען אפשר פון דאָרפישע הײמען.
פון פױערשע מײדלעך מיט צײטיקע ברוסטן
װאָס שפּילן זיך איצטער װער װײסט שוין מיט װעמען.

האַלט נאַכט שוין ביים אויסגײן.
פרימאָרגן ברענגט װידער אַ טאָג פול מיט פּײן,
װאָס גראָבט זיך אין זעלנערשע קערפּער טיף אײן.

פרימאָרגן.
איצט שלאָפן קאַזאַרמעס
עס ווייעט פון טונקעלע פענצטער אַן אומעט.

דאכט מיר:
עס האָט זיך פיליערקער טרויער
פאַרקליבן אַ־דאָ צום קאַזאַרמישן טויער
און דריקט אַזוי שווער אויף מיין נאַכטיש געמיט.
איך היט.
איך בין היינט דער וועכטער פון זעלנערשן עלנט.
איך היט
און עס קלאַפּן דאָ אויס מיינע נאַכטיקע טריט
אַ טרויעריק ליד.

אויפן שאָסיי.

אין אזוינע טעג ווי היינט, ווען ס׳ברענט דאָס לייב אויפן שאָסיי
ווען ערד זאפט איין אזויפיל שווייס און שמידט צו ארבעט גאנצע דערפער צו;
אין אזוינע טעג ווי היינט, ווען איך קום אין שטעטל נאָענטן און זע
ווי משוגע־לאכנדיקע פוילקייט האט צעוואקסן זיך, צעבליט,
קאָכט פארדראָס אין מיר און זידט כ׳ווייס דאן, שטעטל מיינס, פארוואָס
אין אזוינע טעג ווי היינט — איך האָב דיך אזוי פיינט
איך האָב דיך אזוי פיינט.

ס׳איז די לופט דאָ איבערפולט מיט ארבעטס־אָטעם גאנצע טעג
מחנות פויערים צעגראָבן, שיטן אָן דעם שאָסיי.
שניידן איין זיך לאָפעטעס אין איינגעקלאפטן פלאסט פון שליאך
און קירקעס קלאפן אויס ווי מיט א מארזא־שריפט
צום שטעטל נאָענטן א בייזן גרוס מיט גיפט...

כ׳ארבעט דאָ אלס טעכניקער פון פרי ביז שפעט, פון פרי ביז שפעט.
ס׳איז די ארבעט דאָ צעוואָרפן אויף גאנצע קילאָמעטערס ווייט,
רייסט מען שטיין מיט דינאמיט, ציטערן די בערג דאָ אויף.
ברענג איך יעדן טאָג אהער עכאָס פון די בערג מיט מיר,
ברענג איך אויך אין שטעטל מיט ארבעטס־אָטעם פון שאָסיי
און כ׳האָב דערפאר נאָך מערער פיינט דיך, שטעטל ווען איך זע
ווי אין יעדער אבר דיינעם, ווי אין יעדן גליד,
האט די פוילקייט זיך אזוי צעגאָסן, האט די פוילקייט זיך אזוי צעבליט.

הארבסט

אכט א זייגער אינדערפרי,
אכט א זייגער אינדערנאכט.
ס'עסט דער לאנגער צייכנער-טיש
פון דער טעכנישער ביוראָ
מיינע וואָכן, מיינע טעג דאכט מיר:

מיט די צייכנונגען און פלענער
ליגן אויסגעשפרייט אויף אָט דעם טיש
ליגן אויסגעשפרייט ווי טויטע קראָען
מיינע טעג און מיינע שעהן.

הארבסט.
כ'זע אין שויב א טויטן גאָרטן
ביימער מיט פארוויינטע צווייגן,
יעדער בוים — א טאָג
יעדער צווייג — א שעה.
ווייס איך: ס'האָבן בלעטער זיך געטוליעט
צו די פייגעלעך אין פרילינג.
ס'האָבן צווייגן זיך געבראָכן זומער אונטער לאסט פון פירות
ס'איז געווען דאָ פרילינג,
ס'איז געווען דאָ זומער.
ס'האָבן ביימער זיך געקושט מיט הימל בלאָען...
מיינע טעג און מיינע שעהן
זענען ביימער אין א וואלד א הארבסטיק־גראָען,
וואָס אויף יעדער צווייגל הענגען זיבן טויטע קראָען.

איבערוק

ציען זין קרומע און נאקעטע וועגן,
שלענגלען זיך שליאכן אויף סטעפעס,
רוען די שליאכן זיך אפ אין די שטעטלעך
וואס דרימלען און בענקען נאך עפעס.

שטייען אזוי זיך די שטעטלשע שטיבער,
זינקען אין שטויביקער ענגשאפט,
האט יעדער געסל א כאפטע מיט יונגען
וואס וועבן די טעג אויס אין בענקשאפט.

שטייען די טאטעס אויף שטעלן פון קראמען,
קריגן און זידלען זיך איינער מיט צווייטן,
רייסן זיך איבער פארבייגייער-קונים
און שלעפן אריין צו זיך אין די קלייטן.

אין יעדן פארטאג ביים אריינפאר אין שטעטל
ווארט מען אויף פורלעך מיט ווייץ און מיט קארן
רייסט מען זיך איבער א פויער מיט תבואה,
שפריצן דארט פויערישע אויגן מיט צארן.

דרייט זיך אום יינגווארג מיט אומרו אין אויגן,
טוליעט זיך אומעט צו טאטעשע היימען,

בענקען נאָך עפּעס די שטעטלשע יונגען
און ווייסן אליין ניט נאָך וואָס און נאָך וועמען.

*

לויפן די צוגן אויף וויט-ווייטע שטרעקעס,
פירן צו גרויסע, צו רוישיקע שטעט,
יאָגט גויט פון די שטיבער און שרייט צו די יונגען:
„אנטלויפן, ווייל מאָרגן וועט זיין שוין צו שפּעט!"

ציען צור שטאָט זיך די יינגלעך און מיידלעך,
שפּייען די לונגען דאָרט אויס אין פאבריקן
און טויזנטער דרייען זיך אום אין די גאסן,
מיט ליידיקע מאָגנס און צאָרניקע בליקן.

מישט זיך אויף גאסן אויס זאטקייט מיט הונגער,
זיגט יעדער טאָג פרישן מארך פון די ביינער,
שפּראָצט א פארדראָס וואָס צעוואקסט זיך אין הערצער
וואָס הארטעוועט פויסטן ווי גאסיקע שטיינער.

פארשווונדן ווערט אומעט פון יינגלשע אויגן,
הערצער זיי ברויזן, פויסטן זיי דראָען,
עס ציילט שוין דער הונגער פאר וואָכן די טעג
ער ציילט שוין מינוטן — פאר שעהן.

וואקסן אזוי יענע קרעפטיקע מחנות
וואָס טראָגן די פענער פון אויפשטאנד אויף גאסן,
זיי ברענגען דעם רוף פון רעוואָלט אין קווארטאלן
וואָס הונגער אליין האָט געלערנט זיי — האסן.

איז וואָס, אז די תפיסות די גרויע, זיי האָבן
די גיריקע מײַלער צעעפנט, צעפּראלט,
עס שפּראָצן די מחנות פון קעמפער און וואקסן
ווי גראָזן אויף פעלדער, ווי בײַמער אין וואלד.

הונדערטער יונגען מיט מוט אין די בליקן,
ווער קאָן זיי דען ציילן, ווער ווייסט זייערע נעמען?
א בענקעניש בליט אין די הערצער אין זייערע,
זיי ווייסן נאָך וואָס שוין, זיי ווײַ ווייסן נאָך וועמען.

א ניט דערזינגען ליד

ס'האָט א שטורעם
היינט אין וואלד זיך בייז צעווינטעוועט
און ס'האָבן ביימער זיך אזוי צעבינטעוועט
אז ס'האָט געדאכט זיך: באלד
וועט עס דער גאנצער וואלד
מיט די וואָרצלען פון דער ערד ארויס,
און וועט מיט ווילדע, שווערע שפאַן
א לאָז טון זיך צעטרעטן אָ־די מחנות־ארבעטער
וואָס בויען דאָ די אייזנבאַן.

האָבן אפשר גאָר דערפאַר היינט
קירקעס פעסטער און מיט מער האַסט
געהאקט דעם שטיינערדיקן פלאַסט,
לאָפּעטעס זיך איינגעשניטן טיפער אינעם גרונט —
און ס'האָט דער וויכערדיקער לויף פון וואַגאָנעטן
געפרוווט זיך איינמאָל און פאר אלעמאָל פארוועטן
מיטן וואָי און מיטן רויש פון ביימער־רונד.

פאר אזויפיל צייט
האָב איך מיך היינט צום ערשטן מאָל געכאַפּט דאָ ביי דער ארבעט
קאָמאנדעווען מיט פויערים מיט הונדערטער.
און בין געבליבן שטיין אזוי דאָ פּלוצעם

א דערשראָקענער, פאַרווונדערטער —
געדאַנקען מאָדנע זענען ווי די בינען זיך צעפלויגן
און געגומען טאַנצן מיט געזשום און מיט געפּילדער.
דער שטורעם-ווינט האָט אָבער נאָך געהעצט די אַלטע ביימער,
האָבן בלעטער אויף די צווייגן זיך צערוישט אַלץ ווילדער, ווילדער, —
און איך בין עס געשטאַנען ווי עס שטייט א וואַכער שומר
און ׳חלומט אין דער נאַכט אַריין אַזוינע טונקל-העלע בילדער.

האָב געזען איך דאָ ווי לאַנגע אַרבעטער רייען
בויען טראַנשייען
אַ׳רום אַ זיך ראַנגלדיקער שטאָט.
האָב אַליין געהערט איך דאָ דעם אָפּהילך פון זייער טראָט
פון זייער זיכער-פעסטן שפּאַן — — — — — — — — — —

ווער האָט עס דערציילט אַז מע בויעט דאָ אַן אייזנבאַן?
ווער האָט עס געזאָגט אַז עס רוישט אין וואַלד דער ווינט?
כ׳האָב אַליין געזען ווי אַ פליענדיקער גראַנאַט
האָט געשפּאָלטן דאָ דאָס קעפּל פון אַ שמייכלענדיקן קינד.
כ׳האָב אַליין געזען.

ס׳איז ניט געווען די טונקל-בלויע נאַטאַליצע,
וואָס אַרבעט דאָ פון אַ פּאָר וואָכן.
כ׳האָב אַליין געזען. לויטן בליאַסק פון זיכערקייט אינעם ניצחון,
וואָס האָט געפינקלט אין די אויגן אירע,
אי עקשנותדיק, אי ווייבלעך־מילד —

פּונקט ווי איך האָב אַנומלטן דערבליקט זי אין א ציטונגס-בילד —
איז זי געשטאַנען די העלדין איבאַרורי מיט א קירקע אין די הענט
און געהאָלפן בויען באַריקאַדן פאַר אַ שטאָט וואָס ברענט.
כ׳האָב אַליין געזען עס און ס׳האָט אי פרייד אי שטילער אומעט

זיך צעגאַסן מיר אין יעדן ליד — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

ווי קאָן מען מען היינט דערזינגען ביזן סוף א ליד
און ס'זאָל זיך ניט אריינרייסן אהין דער ריטם פון די טריט
פון קעמפנדיקע העלדן אויף די גאסן פון מאדריד.
ווער קאָן עס היינט דערזינגען ביזן סוף א ליד?

צו יעקב שטערנבערג

כאָטש יעדע נאַכט טובלען זיך אין מיינע אויגן אָפּ
שטאָטס שרייענדיקע — אין די טויזנטער — עלעקטרי-בליקן,
וועל אין לאַנג אין זיי נאָך טראָגן
אי די טונקלקייט פון שטעטלשע פאַרנאַכטן
אי די לויטערקייט פון דאָרפישע פאַרטאָגן:
כ׳וועל זיי טראָגן
שטאָלץ אין מיינע אויגן,
אפילו ווען כ׳וועל זיין פאַרמוטשעט
און פון שטאָט ווירוואַר א מידער
אזוי ווי דו האָסט זיי געטראָגן יאָרנלאַנג אין דיינע לידער.

ס׳איז מיר גרינגער
דאָ צו ריכטן אינעם ריטם פון דער שטאָט
מיין שטילן שטעטלשען טראָט,
ווען כ׳טראָג די לידער דיינע אין מיין האַרצן, —
האָסט דעם טרויער פון קאַלעא וואַקאַרעשטער פרײלעכע קאַפּעליעס,
האָסט דעם דינעם אומעט פון בראָדער-זינגער
אָנגעטאָן אין א פראַק א שוואַרצן
און געלאָזט זיי טאַנצן דאָ א טאַנגאָ
מיטן הונגער...
ס׳איז מיר גרינגער
דאָ צו ריכטן אינעם ריטם פון דער שטאָט
מיין שטילן, שטעטלדיקן טראָט
ווען כ׳טראָג די לידער דיינע אין מיין האַרצן.

ס'האָבן הונדערטער פיל־שטאָקיקע געביידעס
אויסגעדרייט זיך היינט צו מיר אין פּראָפיל,
און איך זע ווי אויף די גרויסע שויבן-פענסטער פון וויטרינעס
האָבן
פראגע-צייכנס אויפגעהאָנגען זיך ווי גרויע ראָבן
און זיי שטארצן
שטארצן גלייך ארויס דאָ אויף די גאסן
ווו עס מישט זיך אויס די פרייד פון זאטע דאמען, הערן

מיטן אומעט און מיט צאָרן פון שאָמערן.

זע איך דאָרט דעם שיין פון דיינע אויגן
— לויטערע ווי דאָרפישע פארטאָגן —
וואָס האָבן אין א שעה א נאכטיק-שפעטער
אלע גאסנלאָמפּן אויסגעלאָשן
און נערוועז, נערוועז אויף אלע שויבן-פענצטער
אָט די פראגע־צייכנס אויפגעהאָנגען
עס זאָל די שטאָט זיי ווי די לאַטעס טראָגן.

אי די טונקלקייט פון שטעטלשע פארנאכטן
אי די לויטערקייט פון דאָרפישע פארטאָגן
וועל איך לאנג נאָך איבער גאסן שטאָטישע
אין מיינע אויגן טראָגן
אפילו ווען כ'וועל זיין פארמוטשעט
און פון שטאָט-ווירוואר א מידער
אזוי-ווי דו האָסט זיי געטראָגן
יאָרנלאנג אין דיינע לידער.

כ'האָב ווידער שוין פאַרמאַכט אַ פּאַראַנטעז

ס'האָט ערשט זיך מיר געדאַכט, אַז פּרילינג שטאָטישער
האָט גאָר אויף לאַנג זיך שוין באַזעצט אין מיין געמיט
און ס'וועט צעבליען זיך מיין ליד
אַזויווי ס'שפּראָצט אין דאָרף דער שמעקנדיקער בעז,
און היינט האָט זיך גאָר פּלוצעם האַרבסט באַוויזן אין מיין בליק
און ווידער שוין —
כ'האָב ווידער שוין פאַרמאַכט אַ פּאַראַנטעז.

איז דאָס וואָרט צעדריקט-אַנטשוויגן
שווער פאַרמאַטערט ווי אין קלעם...
אַ פּאָעם
וועגן חבר לוקאַ וואָס איז בלינד געוואָרן
אין דאָפּטאַנער תּפיסה — איז געבליבן
ניט דערשריבן.
די באַלאַדע וועגן שטאַרבנדיקע העלד-יונגען
אויך אַזוי געבליבן ווי מיר — ניט דערזונגען,
ניט דערזונגען.

נאַכט.
ביי מיין שכן שפּילט נאָך אַלץ די ראַדיאָ.
עס קלינגט דער זייגער אויס אַ פערטל און אַ האַלבע
אין אַ גאַנצע שעה
ס'רוקט זיך אָפּ דאָס טישל אין אַ זייט.

איך בין שוין ווייט.
איך בין שוין ווייט...
לאנגזאם לאנגזאם פליסן וואסערן אין טייך טשיולוק.
כ׳ווייס שוין ווו, כ׳ווייס שוין ווען.

זומער. א דאָרף א היימישער מיטן נאָמען גיליטשען
און ס׳וויקלען זיך אלץ גיכער אָפ די שורות פון דער פען:
נאכט...

— — — — — — — — —

ביי מיין שכן שפּילט א פידעלע
און צום נאַכטמאָל האָט מען היינט געבראָטנס,
האָבן חברה פלעשלעך רויטן ווייַן געבראַכט
און ס׳טאנצן שוין אויף ווענט די שאָטנס.

ביי מיין שכן שפּילט א פידעלע
און ביי מיר אין צימער שיכורן די פליגן,
ס׳האָבן קעץ אויף דעכער זיך צעדראַפּעט
און זיי יאָמערן ווי קינדערלעך אין וויגן.

האָט שוין אויפגעהערט דאָס פידעלע צו שפּילן
ווייזט אויס שלאָפן זיך געלייגט מיין שכן.
ס׳האָט א פליג צעביסן מיר דעם אויער
יובעלט זי אצינד אויף איר ניצחון.

זענען חברה לאנג שוין אהיימגעגאַנגען
זשומען פליגן נאָך מיט מערער העזה.
אויפן טיש שטייען גלעזער ווייַן פאַרשעמטע
און פון פלעשער ווינקט דאָס ביסל עולם-הזה.

נעם איך טרינקען וויין פון פלעשער, טרינקען, ברעכן, אלע גלעזער.

— — — ווער מיר פלעשער, ווו געבראָטנס
כ'וויש די אויגן. טאָג אין פענצטער
ס'דרימלען אויפן דיל די שאָטנס — — — — — —

ביי מיין שאָכן שפילט נאָך אלץ די ראדיאָ.
און דער זייגער קלינגט א פערטל און א האלבע
און א גאנצע שעה,
ווער מיר פריילינג וואָס מיר הארבסט.
און ווו איז אראָמאט פון שמעקנדיקן בעז, —
טיק-טאק, טיק-טאק.
כ'האָב שוין ווידער פארמאכט א פאראנטעז.

ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד

ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד, וואקסן דאָרטן לידער
פרישע ווי פרימאָרגנדיקע טויען.
יונגען הילכן דאָרט אויף סטעפעס:
— „מיר ארבעטן, מיר זינגען און מיר בויען!"

ס'איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד, קלאפן אויס דאָרט האמערס
פרייד פון ארבעטער און בויער,
טראקטאָרס זיגגען אויס דאָרט איבער פעלדער
ס'ליד פון פויערטע און פויער.

שלינג איך, שלינג פון יענע לידער
יעדער וואָרט און יעדער קלאנג
און ס'וויל זיך מיר אזוי אויסשאלן
אזא מונטער פריש געזאנג.

ווי זשע קאָן מען איצטער לאָזן
ס'ליד פון שאפן הילכיק הערן
ווען מ'דארף אזויפיל נאָך פארניכטן
און אזויפיל נאָך צעשטערן.

זינגט זיך ניט קיין ליד פון שאפן,
הילכט ניט אָפ קיין פרייד פון בויער

ס׳מוז צוערשט זיך איבער גאסן
קרייצן דאָ געזאַנג און טרויער.

חורבות, חורבות מוזן שפּראָצן.
אויף רואינען וועט מען בויען
ס׳וועלן וואַקסן דעמלט לידער
ווי פרימאָרגנדיקע טויען.

און ביז דאַן איז ליד קיין ליד ניט,
ליד ביז דאַן איז בלוט וואָס ברויזט,
און ביז דאַן איז ליד קיין ליד ניט,
ליד — א שטומע מאַסן־פּויסט.

ווייל חורבות, חורבות מוזן שפּראָצן
אויף רואינען וועט מען בויען —
ס׳וועלן וואַקסן דעמלט לידער
ווי פרימאָרגנדיקע טויען.

קוילן־שטריכן

אומעט פלאַטערט אויף די ווײַס דײַנע
ווי אַ האַרבסטיק בלעטל אינעם ווינט.
מאַכט צומאָל זיך ער פאַרשווינדט
און ס'צעבליט זיך אין דײַן בליק דער פרילינג —
שפּילן זיך פאַרשײַטע אויף דײַן פּנים
פרייד און אומעט ווי אַ צווילינג.

אין די פרייד אַ קינדערישע, שטיפט זי,
רײַסט דיך אָן ביים אויער
און דײַן טרויער —
גלײַך ער טראָגט אין זיך דײַן גאַנצן חיות
רינט אַראָפּ פון דײַנע ווײַס
ווי עס רינען דריוונע טראָפּנס
האַרבסט פון יעדן בלעטל —

כ'זע דיך דאָן און ווייס ניט:
ביסט אַ שפּראָצנדיקע קנאָספּ — דײַן פרייד
און דער אומעט דײַנער נאָגנדיקער וויאַנעט
צי גאָר ווידער באַלד וועט טרויער
פלאַטערן אויף ווײַס דײַנע
ווי אין ווינט אַ האַרבסטיק בלעטל?

— — — — — — — — —

האָסט פאַרטראַכט זיך...
ס'האָט ווידער זיך שוין הארבסט באַזעצט אין דיינע אויגן.
זאָל איך רופן, רופן דיךביים נאָמען
צי גאָר ווייטער לאָזן דיך דעם פינגער זויגן
ווי דעם רויך פון ציגאַרעטל —
הארבסטיק, הארבסטיק בלעטל.

מיט האנט צו דערלאנגען...

נאכטיקע שטילקייט פון שטעטלשע טראקטן
און גרינגע פּייסאזשן,
וואָס כוואליען זיך ברייט
ביי די ברעגעס פון דאָרפישע שליאכן;
זיי האָבן באגלייט מיך ווי זאָרגפולע פּאזשן,
אהער אין געוויש פון גרויסשטאָטישע שטראָזן,
אין שאָטנס פון הייזער מיט צענער עטאזשן.

און אזויווי ביים בעט פון א חולה-מסוכן
עלטערן זיצן
און היטן דעם שלאפנס אומרויקע בליקן
און מאכן ניט צו מיט קיין אויג
ביז פארטאָגיקן קרייען פון הענער —
אזוי וואכן זיי איבער מיין יעטווערן טראָט
מיין שטילן געמיט זיי באשירעמען, שיצן,
עס זאָלן אין גרילץ פון טראַמווייאישן קלינגען,
עס זאָלן אין ווילדן הארמידער
פון שטאָט, ניט ווערן צערונען,
ניט ווערן פאַרשלונגען,
די ווארעמקייט צארטע פון היימישע טענער
די סטעפּישע רחבות פון דאָרפישע לידער.

גיי איך אַרום דאָ אויף גאַסן צעטומלט,
ס'איז אַלעס מיר פֿרעמד דאָ און דאַך אַזוי נאָענט,
אַזויפֿיל דאָ זענען די יונגעון און מיידן מיט היימישן דיבור,
וואָס טראָגן אין הערצער אַזויפֿיל פֿאַרדראָסן
פֿאַר שווערע מעת־לעתן אין שטויב פֿון פֿאַבריקן
וואָס טראָגן דעם אומרו פֿון שטרייקן אויף גאַסן
און בליאַסק פֿון עקשנות אין גלויביקע בליקן.
און דאַכט זיך ס'איז אַלעס אַזוי מיר דאָ היימיש,
אַזוי מיר דאָ נאָענט מיט האַנט צו דערלאַנגען —
אָט אָט און איך וועל מיך אויף שטאָטישע שטראָזן
מיט פֿרייד און מיט ברויזיקן אימפעט צעלאָזן
אין וויכער פֿון מונטערע, נייע געזאַנגען...
אַזוי נאָענט איז אַלעס, מיט האַנט צו דערלאַנגען...

גייט פּלוצעם גאָר אויף פֿאַר די אויגן פֿאַר מיינע
די נאַכטיקע בלינדקייט פֿון שטעטלשע געסלעך
אָט רירט אָן מיין אויער דער היימישער עכאָ
פֿון הענגריך דעם וועכטערס בייגנאַכטיקן סטיקן,
עס לויפֿן די שטיבער, עס לויפֿן די ליקן,
איך שפּרייז ווי אין לייכטע לעגענדע־פּאַנטאָפֿל.
אָט זע איך די מאַמע, אָט זע איך דעם טאַטן,
זיי זיצן ביים שיין פֿונעם לעמפּל דעם דרייער
און בראָטן ביים היימישן פֿייער
קאַרטאָפֿל...

די טאַטעשע אויגן
די שטענדיקע מילדע זיי זענען פֿאַרצויגן
מיט טרויער מיט זאָרגן.
דאַכט: ס'איז אין באָרד זיינער זילבערנער, גרויער
אויף אייביק מיין שטעטלשער אומעט פֿאַרבאָרגן...
אויך מאַמעשע בליקן, די ניכטערע, קלוגע,
זיי זענען באַדעקט מיט אַ גלאַנץ מיט אַ טריבן,
און לייכט איז אויף פּנים צעאַקערטן לייענען

די נאַכטיקע זיפצן, די שווערע מחשבות
וואָס טעג האָבן בייזע — מיט קנייטשן פאַרשריבן...
ווייס איך: ניט איינמאָל נאָך וועל איך עס שפּרייזן

אין אַט־אָ־די לייכטע לעגענדע־פאַנטאַפּל:
אהינצו פאַראומערטע מאַמעס און טאַטעס,
צו שטעטלשע הייזקעס, צו דאָרפישע כאַטעס,
און — ווי א פרומער —
אין שיין פון זייער ליכט
טובלען מיין יעדעס געדיכט.

...און דאָך ווערט מיר אלעס אין שטאָט אזוי נאָענט
אזוי מיר דאָ נאָענט ווערט אלעס און היימיש,
די קאַמפן, די שטרייקן, די שטרענגע פאַבריקן
די הונדערטער יונגען מיט מוט אין די בליקן
און כ'פיל אז איך וועל מיך אויף שטאָטישע שטראָזן,
מיט פרייד און מיט אימפּעט אַמאָל נאָך צעלאָזן
אין וויכער פון מונטערע, נייע געזאַנגען...
...אזוי נאָענט איז אלעס מיט האַנט צו דערלאַנגען...

רעפלעקסן

וויפל מאָל שוין האָב איך מיך געכאַפּט אקעגן זיי דאָ שטיין
מיט ווידעָרווילן
לעבן בלייכן בעטלער מיט די בלאָע ברילן
וואָס אקעגן דאָ, ביים הויכן מויער פֿונעם אוניווערסיטעט
פֿון פֿרי ביז שפּעט
ער שטייט שוין יאָרנלאַנג אזוי איעדן טאָג
מיט הכנעה אָנגעבויגן
און פֿאַרקויפֿט די דורכגייער — פּאָר א גראָשן
אינײנעם מיט די עובֿר־בטלע קאַלענדאַרן,
אויך די שיין פֿון זיינע אויגן

וואָס איז פֿון לאַנג שוין אויסגעלאָשן.
אויסגעלאָשן.
וויפל מאָל שוין האָב איך מיך געכאַפּט — אײנינקער אליין —
פֿאַרגלאָצט אזוי דאָ לעבן בעטלער שטיין.
וויפל מאָל שוין, וויפל מאָל שוין.

און היינט
אַן אויטאָ איז אָנגעפֿאָרן און ווילד אזוי אָן א כאַרוואָס
באַפֿוילן אים גאָר פּלוצעם שטאַרבן
געוואָלט די ברייטע גאַס אריבערגיין
און איצטער ליגט ער דאָ אקעגן יענעם עקסטן מאָנומענט
מיט א צעהאַקטן שאַרבן.

אזא שײנער יולי־טאָג געװעזן הײנט
אזא שײנער יולי־טאָג.

אויפן ברוק פארשעמטע ליגן אי די בלאָע ברילן,
אי די מיט בלוט פארשפריצטע קאלענדארן,
דער לאנגער, װײס־געפארבטער שטעקן
— זײן װאָרנונג פון דער װײט —
ליגט אויך אזוי א שולדיקער פארשעמטער בײ דער זײט

און איך, איך װײס:
איך װעל אָ דאָ ביז שפעטער נאכט שוין שטײן
ניט װיסן װאָס צו טון, װוהין צו גײן.
— װי ס׳האָט געטראָפן זיך מיט מיר שוין ניט אײנמאָל
און ס׳װעט אין אויערן מיר קלינגען אלץ דער לעצטער פײף פון דער מאשין

װאָס האָט אים אָפּגעפירט אין א שפיטאָל.

װער איז ער געװען דער בלינדער בעטלער
װאָס זײן טויט האָט אָנגעװײעט הײנט אויף מיר אזא מין אומעטיקן נאָגן,
כ׳פיל און װוּנדער מיך: ר׳האָט אײנגעקריצט זיך טיף אין מײן געמיט
און כ׳װעל אים לאנג נאָך װי א נאָענטן אין מײנע בליקן טראָגן.

װער איז ער געװען?
איך װײס, ער האָט מיך פארבינדן
מיט א שרײבער מיט א בלינדן,
װאָס כ׳האָב די לעצטע צײט געלײענט
און צו אים אזױפיל מאָל געטראכט.
מיר דאכט.

ער האָט דערמאָנט מיך אין אַ חבר אין א ליבן
וואָס די טונקלקייט פון תפיסה
האָט זיך איינגעשטאָכן אין די אויגן זיינע ווי א דאָרן
און ער איז בלינד געוואָרן.
איך ווייס, מיר דאכט.

אינדרויסן זיפּט א רעגן.
אויף מיר בליקן מיט פאַרדאכט,
זאָלן דורכגייער וואַרפן אויף מיר בליקן מיט פאַרדאכט
כ׳וועל אזוי שוין שטיין אליין אַ דאָ ביז שפּעטער נאכט.
ביז שפּעטער נאכט.

עלעגיע

ס׳האָט בלוט אין מיר פאר בושה, פאר פארדראָס
זיך היינט צעברויזט, צעזשומעט,
נאָך קיינמאָל האָט ביז היינט דער נאָגנדיקער אומעט
ניט אזוי צעבראָכן מיך, פארמאטערט.
ווי א ווונד האָט צווייפל מיין געמיט צעיאטערט.
ווי א ווונד.

אזויפיל צווייגן אויף וועלכע ס׳האָט גלויבן מיינער אינעם מענטשן
זיך צעוואקסן, ניט איינמאָל זיך צעבליט מיט פרישן זאפט, —
זע נאָר ווי זיי ברעכן זיך און צו דער ערד זיי פאלן
מיט אזא ציניש־שווידערלעכער קראפט.

זע נאָר. זע נאָר.

זוך איך ווערטער מיך אליין צו טרייסטן,
וויל ביי מיר פאר מיר אליין כאָטש עפעס פועלן,
און ס׳ברענט אין בריט די ווונד ווי זשארענדיקע קוילן.
גאולה, וועלט־דערלייזער און מארטירער.
מ׳ענטש, ווער ביסטו, זאָג!
פירער צי פארפירער?
— מענטש!

אין חלל פון מיין איינזאם צימער
האָבן זיך אזויפיל שוואַרצע בשורה־ברענגיער אויפגעהאַנגען
און זיי הענגען, הענגען.
כ׳האָב מורא שוין מיין אייגן וואָרט אויף ליפּן היינט צו ברענגען.

מענטש, מענטש, מיט וואָס זאָל איך מיך טרייסטן,
אָפּגעפלויגן היינט א סטייע ווייסע טויבן...

ס׳טוט אזוי מיך ווי מיין בלינדער גלויבן,
ס׳טוט אזוי מיך ווי.

שטיי איך איצט און ציטער,
ציטער פאַרן מאָרגן,
פאַרן סודותדיקן שפּעטער,
איך און דו און ער —
ווער זענען מיר עס, ווערן כאָטש ניט קיין קינפטיקע פאַרעטער,
ניט קיין קינפטיקע פאַרעטער?

א נעפּל האָט פאַרצויגן אויך דעם בליאַסק פון מוטיק־פעסטע בליקן.
מיר דאַכט, א דור א גאַנצער איז פאַרוואונדעט, קראַנק מסוכן.
ס׳האָט די וווּנד זיך איינגעגעסן ביזן מאַרך פון ביינער.
כ׳בין ניט איינער. כ׳בין ניט איינער.

טרערן וואַרגן, שטעלן זיך אין האלדז,
— מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ...
— מענטש!

— — — — — — — — — — — — —

שטילער. שטילער. אָפּגעווישט די טרערן.

זאָל דער שונא כאָטש ניט זען, ניט הערן.
ס׳איז דער וועג נאָך אזא לאנגער, אזא שווערער.
מאך די אויגן צו און גלויב און בענטש!

מענטש. לייטערונג. גאולה. וועלט־געוויסן.
טיף אין הארצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן.
אָפּגעריסן.

פּעברואר 1937

מיט שטריק וועל איך בינדן מיין גלויבן...

ווייל איך ווייס אז ניט מיט קיין ספקות
ניט מיט קיין צווייפל
האָט מען געקלעטערט,
געפּרוווט זיך דערגרייכן
די הייכן,

ווייל איך ווייס. ווייל איך פיל —
ס'איז ספקות די שלאנג
וואָס טריפט גיט איר גיפט
אין מיין יינגן געזאנג
און פאַרסאמט מיר מיין הארץ, מיין געדאנק,
ווייל איך ווייס —

ווייל איך ווייס איך בין יינג,
יינג נאָך צוטראָגן די לעסטערונג
דעם ביטול־שמייכל פון א זקן אויף די ליפּן —
וועל איך דורכזיפּן
אלע מיינע הארבסטיקע, געדאנקען
וואָס ציען זיך אוועק אזש ביז די ברעגעס פון קוהלת
און וועל עס
מיט שטריק פרוּוון בינדן מיין גלויבן
אזויווי עס פלעגן די זיידעס און באָבעס
די יום-טוב־טעג בינדן,

װען ס'האָט די נשמה־יתרה
זיך אָנגעהויבן
קלויבן
אין װעג.

מיט שטריק װעל איך בינדן מײַן גלויבן
אַזױװי די זײדעס און באָבעס —
די הײליקע טעג.

ס'איז לייכטער צומאָל מיט א פשוטן ניגון

קום, לאָמיר צעצונדן דאָס פייער וואָס לעשט זיך,
דאָס פייער וואָס האַלט אין איין צאנקען.
ס'איז לייכטער צומאָל מיט א פשוטן ניגון
צעכוואליען דאָס הארץ, די געדאנקען.

ווי האָט עס געזונגען דער רוסישער דיכטער,
דער בלאָנדער מיט גאָלדענע קרויזן? —
„עס זידט אזא פרייד דאָ אין יעטוועדן ווינקל,
סארא אומעט אין פריידיקן ברויזן!"

...אמאָל איז געווען א באָרוועסער בחור
ניט איינער — א סך זיי געווען,
כ'ווייס, האָסט די מעשה געהערט שוין מסתמא
צי ערגעצוו אפשר געלעזן.

טרויעריק הייבט זיך דאָס מעשהלע אָנעט
ניט ווי ביים פרינץ מיט דער שיינער פרינצעסן.
...עס האָבן די יונגען געזונטע און פעסטע
ניט געהאט וווּ צו שלאָפן און עסן.

האָט איינער צעזונגען זיך איבער די סטעפעס:
— „געגנוג שוין, גענוג שוין צו דרימלען.

זאָל יעדער פאַרכאַפּן מיט זיך וואָס ער קען נאָר
און קומט לאָמיר שפּאַלטן די הימלען!"

און ס'האָט זיך דער צווייטער צעזונגען נאָך העכער:
— „ס'איז אומעט נאָך ניט אונדזער לעצטער סך־הכל,
קומט לאָמיר צעצונדן די דערפער,
הייבט העכער פון גלויבן דעם פאַקל!"

האָבן מאַמעס און טאַטעס געבראָכן די הענט,
געפּרוווט אי מיט גוטן, מיט רוגז,
געבעטן: ווי האָט מען קיין גאָט ניט אין האַרצן
וואָס טויג עס אייך, קינדער, וואָס טויג עס?

און יונגען זיי האָבן מיט פרייד אין די אויגן
געצונדן אויף וועגן די פאַקלען:
— „ס'וועט לייכט זיין צו בויען אויף חרובע ווענטן
ווען הענט און ווען פיס זיך ניט וואַקלען!"

ווי האָט עס געזונגען דער רוסישער דיכטער,
דער בלאָנדער מיט גאָלדענע קרויזן? —
— „עס זידט אזא פרייד דאָ אין יעטוועדן ווינקל,
סאַראַ אומעט אין פריידיקן ברויזן!"

אמאָל איז געווען א באַרוועסער בחור,
ניט איינער — א סך זיי געווען,
האָסט דעם סוף פון דער מעשה געהערט שוין מסתמא
צי ערגעץ ווו אפשר געזען.

נו, קום זשע, און לאָמיר צעצונדן דאָס פייער,
דאָס פייער וואָס האַלט אין צאַנקען.
ס'איז לייכטער צומאָל מיט א פשוטן ניגון
צעכוואַליען דאָס האַרץ, די געדאַנקען.

אָקטיאבער שפּילט...

כּאָטש ס׳איז הארבסט אינדרויסן
שמעקט די לופט מיט אָנהויב פרילינג.
פרייד און גלויבן — אזא צווילינג —
האָט געבוירן מיין געמיט.
און ס׳האָבן קנאָספּן פון מיין ליד
זיך היינט צעבליט
מיט פרישן צוויט.

פרייד און גלויבן —
אָנגעהויבן האָט מיין הארץ היינט
קלאַפּן שטארקער, קלאַפּן פעסטער
סטרונעס פון א גאנצן שטרייך־אָרקעסטער
זענען אָנגעצויגן,
מ׳דארף דעם בויגן
גאָר אויף זיי ניט פירן
זיי אליין וועלן באלד אָנהייבן וויברירן
און ווי עס טרעסען פרות צייטיקע זיך אָפּ פון ביימער
וועלן סטרונעס פון מיין הארץ אליין אָנהייבן זינגען א מעכטיקן זמר,

*

סטרונעס פון מיין הארץ
ווי זאָלן אייערע טענער זיך ניט גיסן

פליסן

ווי די שטראָמען פון א גרויסן, ברייטן, טיפן טייך
ווען ער אליין — אָקטיאבער — שפילט אויף אייך.
ער אליין, אָקטיאבער,
וואָס זיין פרילינגדיקער ניגון
האָט אויף אייביק אויפגעוואכט
אין יענער סמאָלניער הארבסטיק טונקלער נאכט
ווען ס'האָט צעברענט זיך יענע שלאכט

וואָס האָט געבראכט
אזויפיל זיגן.
פרילינגדיקער ניגון
וואָס האָט יאָרנלאנג אין די געמיטער
נישט אויפגעהערט צו יוירן,
ער אליין — אָקטיאבער — שפילט אים היינט
אין טאָג פון זיין געבוירן.

שפיל אָקטיאבער, שפיל,
איך פיל
ווי טוענער פון די צארטסטע פידלען דיינע און קלאָווישן
מישן
אויס זיך מיט גערויש און שאלן פון טרומייט;
טא, טא — טא, טא — טא!
סמאָלני, רויט-גווארדייער זענען גרייט.
עס דונערן מאטראָסן אין א האָ ן
— שטייט אויף איר אלע ווער ווי שקלאפן...

טא, טא — טא, טא — טא!
העי!

געזאנגען פון סאָלאָוויי
מישט אויס זיך מיט געוואָי פון ביימער בונט

אין וועלדער טיף געדיכטע,
אָקטיאַבער שפּילט
און ס'הילט
זיין ניגון איין
יאָרהונדערטער געשיכטע.
אָקטיאַבער שפּילט.

*

אין האַרץ מיינס קלאַפּט אַלץ שטאַרקער פעסטער
סטרונעס פון אַ גאַנצן שטרייך־אָרקעסטער
זענען אָנגעצויגן
מ'דאַרף דיעם בויגן
גאָר אויף זיי ניט פירן
באַלד און זיי אַליין וועלן אָנהויבן וויברירן,
און ווי עס טרעסן פרות צייטיקע זיך אָפּ פון ביימער
וועלן סטרונעס פון מיין האַרץ אַליין אָנהייבן זינגען
אַ מעכטיקן זמר.

קעשענעוו 1940

דער זייגער פונעם קרעמל־טורעם

ס׳איז דער אומרו פון מיין זעל דער אויפגעריכטער
און די פרייד פון וואנדערער אין פינצטערניש פון נאכט
ווען ס׳באווייזן מיטאמאָל זיך שטאָטיש־פלאמענדיקע ליכטער, —
צי ס׳איז גאָר דאָס צאפלען פון א בוים
וואָס האָט געבענקט. געאנט, דעם קומענדיקן שטורעם.

דער זייגער פונעם קרעמל-טורעם
קלינגט אויף אלע גאסן דאָ. אויף אלע ראָגן
ס׳איז גאָלע וואָר.
אויך דער אלטענקער בעל־מום
וואָס הענגט דאָ אויף דער וואנט אזויפיל יאָר
האָט לאנג שוין מיט אזא יוגנטלעכן אימפעט ניט געשלאָגן
בום, בום.
ס׳איז האלבע נאכט.
עס קלינגט, דער קרעמל־זייגער צוועלף אויס אויף אלע ראָגן,

מיר דאכט די גאנצע שטאָט האָט אויפגעוואכט
און הערט זיך איין
ווי עס פליסן שטראָמען
פון א שפרודלדיקן וואסער-פאל:
עס זינגט דער גאנצער אל
דעם „אינטערנאציאָנאל“.

אין אזא מין שעה
אין אזא באנאכטיק שפעטער שעה
צינדט זיך אָן צומאָל אין מיר
א מאָדנע גליענדיק באגער,
אָנגעשפיצטער ווערט מיין בליק, אָנגעצויגן מיין געהער
און אין הארצן טוט אזא מין ווייטעקלעכער נאָג,
עד, ווען איך קאָן איבערשרייען זיך אצינדער,
איבעררופן זיך מיט יעדערן באזונדער
פון יענע טויזנטער — פאר אונדזער פרייען טאָג —

געפאלענע אין שווערע שלאכטן, העלדן,
ווען איך זאָל קאָנען זיי איצט מעלדן
אז טאָג־אויס, טאָג-איין
זיי זענען מיט אונדז דאָ
און ווען מיט אונדז אייביק אזוי זיין
קיילעכדיקע פיר און צוואנציק שעה.

*

עס שיט און שיט א דריבנער שניי,
דער עכאָ פון דעם „אינטערנאציאָנאל“
ציטערט נאָך אין מיינע אויערן —
לידער ווערן דאכט מיר אין אזא מין שעה געבוירן.
אין אזא מין שעה.

קלעטערט
קלעטערט
מיין נעמיט
אי אין רוים, אי אין צייט
שטעלט זיך אָפּעט ערגעץ ווייט, ווייט...
פאר די אויגן שוועבן
שטיקער לעבן

עפּיזאָד, נאָך עפּיזאָד.
רויש, געווירבל. שטאָט.
שטרייק אין סעמיאַניקאָווער זאַוואָד.
אכצן ניינציק פיר.
ס'איז האַלבע נאַכט,
איך עפן שטיל א קליינע טיר.
אין צימער איז האַלב טונקל,
אין א ווינקל
ביי דער שיין פון ליכט,
זע איך:
יאָ, ס'איז לעניגס שאַרף געזיכט.
דער בליאַסק וואָס פינקלט אין זיין בליק,
שטראַלט מיט גלויבן און מיט זיג,
דער טיפער קנייטש אויף הויכן שטערן
העלפט אים הערן
וויאַזוי, ס'האָט אויסגעבראָכן היינט
דער ערשטער שטרייק אין א פאַבריק.

*

ס'איז אכצן הונדערט ניינציק פיר
ראַש פליט לעניגס פען אויפן פאַפיר
אות צו אות —
פאַרדראָס.
וואָרט צו וואָרט — צאָרן
האַרץ און מוח — איינס געוואָרן.
עס שמעקט און צימער אי מיט שטעכיקן דאָרן
אי מיט אויפגעגאַנגענער אַקאַציע;
לעגין און באַבושקין גרייטן היינט די ערשטע פּראָקלאַמאַציע.

און ס'ציקלט אויס די האַנט א יעדער אות
לעגין שרייבט אליין עס מיט געדרוקטן שריפט

און יעדער וואָרט זיינס איז אַן אָנגעפּולטער כוס,
מיט ליבשאַפט און מיט גיפט.

ווי קיינמאָל פּילט עס היינט דער אַרבעטער באַבושקין
אַז לעניִנס יעדער וואָרט וועט קומענדיקע טעג
ביז טיפעניש צעאַקערן.
— „פון אַ פונק וועט זיך אַ פלאַם צעפלאַקערן“...

עס שיט און שיט אַ דריבנער שניי
דער „אינטערנאַציאָנאַל“
ציטערט נאָך אין מיינע אויערן —
לידער ווערן, דאַכט מיר, אין אַזאַ מין שעה געבוירן,
אין אַזאַ מין שעה.

*

פירט אַוועק מיך מיין געדאַנק
אויף די שפּורן פון באַבושקינס ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג.
ניינצן הונדערט זעקס.
שפּעטע, פראָסטיקע סיבירער נאַכט,
ווער קאָן וויסן וווּ דיין אָנהויב איז
און וווּ דיין ענדע,
עס ציט דיין ווייסקייט זיך אַוועק
ווי אַן אוראַלטע לעגענדע.

אירקוטסק. טשיטאַ. אַזיערע בייקאַל.
עס לויערט געפאַר פון וואָקזאַל צו וואָקזאַל.
ביקסן. פּולווער, קאַסטנס געווער.
— פּאָ — לי — ציי!
רויטע פלעקן אויף ווייסן שניי.
אויף ווייסן שניי.

שטאָנס נאַכטיקע נערוועז זיך שושקען?
איוואַן וואסיליעוויטש באבושקין
איוואַן וואסיליעוויטש באבושקין.

פליסן אויפגערעגט די נאַכטיק־שפּעטע רעגעס...
שטאָלצער, פעסטער וואַקסט די הויכע סאָסנע ביי די ברעגעס
פון בייקאַל.
און יעדער נאַכט איר שיקט דער קרעמל־טורעם
פלאַמענדיקע טענער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל"
בום, בום, בום.

עס צינדט זיך אָן צומאָל אזוי אין מיר
א מאָדנע גליענדיק באַגער,
אָנגעשפּיצטער ווערט מיין בליק,
אָנגעצויגן מיין געהער
און אין האַרצן טוט אזא מין וויטעקלעכער נאָג,
עך, ווען איך קאָן איצטער מעלדן
יענע טויזנטער — פאַר אונדזער פרייען טאָג —
געפאַלענע אין שלאַכטן העלדן,
אז זיי זענען מיט אונדז דאָ
קיילעכדיקע פיר און צוואַנציק שעה
און טאָג אויס טאָג־איין
זיי וועלן מיט אונדז אייביק, אייביק אזוי זיין.

1941 קעשענעוו

בענקשאפט

זאָל עס זיין פארדראָס און ווייטעק
צי גאָר זאָל עס זיין די בענקשאפט
וואָס זי רייסט ארויס מיך אלע מאָל פון הינערפלעט
פון ענגשאפט
און מיט אָטעם אירן הייסן זי צעלאָזט דאָס אייז
וואָס האָט אויף זעל גיעלייגט זיך פלאסטן פלאסטנווייז,
זאָל עס זיין די בענקשאפט
וואָס זי טראָגט אוועק מיך אלעמאָל צו אייך
היימישע סודותדיקע סטעזשקעס
און צעצינדט אין מיין געמיט אזויפיל — דאכט שוין —
גוססדיקע האָלעוועשקעס...

*

זאָל עס זיין די בענקשאפט נאָך מיין טאטן
— וואָס מיט זאָרג און אומרו
כ׳בין אים ראטעווען געלאָפן
און צו זיין לויה שוין אפילו ניט געטראָפן —
נאָך מיין טאטן,
וואָס א יעדע נאכט צו מיין שלאָפן ער קומט צו גיין
מיט אזויפיל אומעט אין די אויגן
מיט אזויפיל יידישלעכן חן, —
טראָגט מיט זיך די דאלעד אמות
פון יאנגי־יוליער בית־הקברות

און רעדט אזוינע קלאָרע רייד
אז עס דאַכט מיר אויס זאָס אַלעס וואָר איז,
וואָר איז —
זיינע מילדע בליקן מיט אזויפיל ביטערניש זיי שפּריצן
און די ווערטער זיינע אין מיין הארצן וואונדן טיפע קריצן:
— „ניט געוועזן באַשערט דעם שונאס שוואַרצן סוף דערלעבן,
ניט געוועזן באַשערט.
האָב געבראַכט אייך מיינע דאַלעד אַמות
נעמט זיי מיט אויף היימישער ערד"...
אַלע חושים מיינע אָנגעצויגן וואַך.
שליאַך.
פראָסט און שניי.
איך, מיין ברודער
זאַלבעצווייי.
לאָזן זיך אין וויַיטן וועג
רעכנונג נעמען פאַר די פאַרשעמטע לעצטע טעג,
פון זיינע אָפּגעלעבטע זיבן צענדליק יאָר.

*

קאַיאַר.
איך רייַב די שלייפן.
באַלד, באַלד און ס'וועלן פּלאַצן פון געמיט די רייפן.

*

יאָ, עס איז פאַרדראָס און וויטיק
ס'איז די נאָגנדיקע בענקשאַפט
וואָס זי רייסט אַרויס מיך אַלעמאָל
פון היינערפּליעט פון ענגשאַפט.
און טראָגט מיך וויַיט צו אייך
גרינע, טרויעריקע סטעפּעס,
ליבע, סודותפולע סטעזשקעס
וו עס ברענען נאָך אזויפיל גליענדיקע האָליעוועשקעס...

20.1.1943

נישטאָ בײַ אונדז קיין פוסטע שעה

נישטאָ ביי אונדז קיין פוסטע שעה,
נישטאָ.
די ארבעט רופט, די ארבעט מאָנט;
דער ערשטער צעך דארף א רעמאָנט,
די ווענט פון צווייטן קאָרפוס
וואקסן יעדע שעה אלץ העכער, העכער,
ביז מאָרגן צוויי מוז פארטיק זיין
ס׳געהילץ פאר ביידע דעכער.

*

איך צייכן א דעטאל
אויף פלאך פון צווייטן שטאָק
און היימיש פיקט אין אויער
דער געקלאפּ פון צוואָק נאָך צוואָק.
איך קוק אראָפּ,
מיר דאַכט די ציגל לויפן גאָר אראָפּ
אליין, אליין —
זיי קוקן שוין פון ווענט ארויס
אי געל, אי רויט, אי — כ׳לעבן — מלא־חן.

*

באפאלן מיך צומאָל א־דאָ
אויף די רושטאָוואניע־ברעטער

ווּ איך קלעטער —
לידער, סטראָפן גאַנצע רינגען,
כאַטש נעם און זעץ זיך דאָ אוועקעט זינגען —
זיי וועלן מיך
שוין אַזוי גיך
דאָ נישט דערכאַפּן —
אונטן שטייען דאָ מאַשינען און מאָטאָרן
— און וואַרטן אויף אַ תּיקון,
איך קאָן שוין גוט דעם בליאַסק
פון זייערע אומרואיקע בליקן.
שטייען זיי ווי שטרענגע, מאַנעדיקע געסט!
און וואַרטן אויף זייער צוגעזאָגטער נעסט.
„גיט אַ הער נאָר ווענט און דאַך
וועלן מיר אַ רעד טון מיטן שונא
גאָר אַנ׳אַנדערע שפּראַך!“
איז ניטאָ
ניטאָ ביי אונדז קיין פּוסטע שעה.
די אַרבעט רופט, די אַרבעט מאָנט.
„ס׳איז הינטערלאַנד דאָס זעלביקע — ווי פראָנט!“

18.9.1943

עס וואָלט אזוי דיך ווי געטון...

כ׳ווייס ס׳איז אָנגעגאָסן שוין פון לאנג פאר מיר דיין הארץ,
מיט ווארעמקייט, מיט טרערן,
אויף דעם וועג וואָס פירט צו דיין געדאנק
צו דיין געפיל צו דיין אָנאויפהערנדיקן קלערן
בין איך קיינמאָל ניט געווען קיין צופעליקער גאסט
און כ׳האָב ניט איינמאָל ארומגעטראָגן אין מיין געמיט
דיינע קינדיש-מיידלישע קאפריזן
ווי א ליבע, שווערע לאסט.

און דאָך, נעם צו,
נעם צו א יענעם זיס־סענטימענטאלן בליק,
וואָס וויל מיך גלעטן,
וויל מיך פורעמען אזוי ליריש־צארט
איך ווייס, עס וואָלט אזוי דיך ווי געטון, אזוי געארט.

ווען איך זאָל דערציילן דיר אז יענע ווייך־הכנעהדיקע מינע
מאכט אזוי מיך פרעמד צו דיר, אזוי מיך מענלעך־הארט.
איך ווייס, עס וואָלט אזוי דיך ווי געטון, געארט.
עס וואָלט אזוי דיך ווי געטון
ווען איך זאָל דערציילן דיר אז אָפט
גייט אויף אין מיר די בענקשאפט
נאָך יענע העלע זומערדיקע טעג
ווען ס׳האָט צום ערשטן מאָל געקרייצט זיך

אונדזער ייגנטלעכער וועג.
אונדזער בלויער ייגנטלעכער וועג.

איך זע די לאנגע, שטילע, נאכטיק־טונקלע גאס,
און אויף איר פאָן גייט אויף דיין בילד
וואס גלעט די נאכט, די גאס און מיך.
כאָטש ס'איז מערער מיענלעך־גראוו געוועז דיין בליק
ווי מיידליש מילד
און דיינע האָר געשוירן קורץ אזוי און ייִנגליש־ווילד —
גייט אויף אין מיר אצינד מיט בראשיתדיקן זאפט דיין יעדער וואָרט.
ס'שווימט די זעונג מיר אנטקעגן
ווי א היימיש שיפל פון א פאָרט
און כ'הער „נאָך הייַנט דעם צאַרטן אָפּהילך פון דיין פעסט געצוימטן שפּאַן.
מיידל, וויפל טעג זענען שוין אָפּגערינען, זאָג פון דאַן?

כ'ווייס, עס וואָלט אזוי דיך וויי געטון
ווען איך זאָל דערציילן דיר אז אָפּט
גייט אויף אין מיר די בענקשאפט
נאָך יענע העלע זומערדיקע טעג
ווען ס'האָט צום ערשטן מאָל געקרייצט זיך
אונדזער ייגנטלעכער וועג
אונדזער בלויער ייגנטלעכער וועג.

שטילער דניעסטער שטילער...

נאכט און הימל און די גאַנצע געגנט
האָבן היינט געזאָלבט מיט ציטער אַ־די רגעס,
שטילער, דניעסטער, שטילער, צוים דעם רויש פון כוואַליעס
יעדער קוסט זאָל וואַך זיין היינט ביי דיינע ברעגעס.

ס'האָבן — וואָלקנס איינגעהילט די שיין פון שטערן
אויף לבנה־קיילעך האָט איר ליכט באַהאַלטן
דניעסטער, שטילער דניעסטער ווי אין דער לעגענדע
זאָל דיין וואַסער־שפּיגל זיך אין צווייען שפּאַלטן.

לייכטער זיין דאָס שפּרייזן זאָל פון רויטן חיל
דורך בלוט און פייער, דורך קראַנקע וועגן
צו די שטעט און דערפער וואָס זיי גאַרן נאָך א גואל
ווי עס לעכצן גרונטן — אין דער טרוקעניש — נאָך רעגן.

צוים די כוואַליעס איינעט דניעסטער, ליבער דניעסטער
יעדער קוסט זאָל וואַך זיין היינט ביי דיינע ברעגעס
היימישע גרינע פעלדער, רחבותדיקע סטעפּעס.
וועלן יאַרנלאַנג — מיט ליבשאַפט — בענטשן אַ־די רגעס.

מאַרגעלאַן, מאַרץ 1944

ענטפער

בײַ די ברעגעס פֿון דעם װײַטן נאַראַװאַ־טײַך
האָסט מײַן ליד געלײַענט,
עס האָט געבראַכט צוטראָגן — שרײַבסטו — מײַן געזאַנג,
דעם שטילן רויש פֿון װאַסער־גאַנג.
אין הײמיש ליבן דניעסטער —
און די חנעװודיקע שװעסטער
װאָס דו מאָלסט זי — װי מיט ײנגלעשן פֿאַרענטפֿער —
אַזױ קורץ און פּראָסט און אָפֿנהערציק
„אַז זי איז האַרט שױן בײַ די פֿערציק"...
„ליב טעאַטער, ליד, געשפּילט און סימפֿאָנישן אָרקעסטער..."
אָ-די חנעװודיק, װײַסרוסיש-בלאָנדע שװעסטער
האָט ניט אױפֿגעהערט זיך װוּנדערן און שטױנען
װי קומט עס צו אַזאַ פֿאַרהאַרטעװעטן קריגער
װאָס בײַ אים אין האַרצן — דאַכט שױן —
שטומע כּײגל װױנען,
און די בליקן זײַנע זענען שאַרפֿער
װי די פֿײַל פֿון בױגן —
װי קומט עס הײַנט צו אים גאָר פּלוצעם
פֿײַכטקײט אין די אױגן?...

*

ס'איז נאַכט. איך גײ אַהײם פֿון אַרבעט מיד
אַ שטראָם אַ גליענדיקער פֿליסט אין יעדן גליד.
און ליפּן מײַנע שעפּטשען שטיל

די שורות פון א יענער קורצער ליד
וואָס דו האָסט ביי די ברעגעס פונעם נאַרוואַ־טייך געלייענט
און שטיל געוויינט.

— — — — — — — — — — — —

איך לייען דיין בריוו און לייען.
איך בין מיט דיר אין טיפן וואלד אליין.
וו ס׳רוט דיין טייל אין ווייטן צפון
איך לייען דיין בריוו.
און ס׳פלאָנטערן זיך אין מיין דימיון
נייע, צאַרטע סטראָפן.

ציטערט דאָס פּאַפּיר אין האַנט,
און פּלוצעם איך דערפיל
א שליוז האָט אויפגעריסן —
דריי איך מיך פאַרשעמט אוועק
עס זאָל מיין פרוי ניט זען
ווי טרערן פון די אויגן פליסן...

25 אויגוסט 1944

צוריקקער

פראגמענטן פון א פּאָעמע

וויַ איך זאָל מיין ווייַ ניט צוימען
וויל מיין יידיש הארץ ניט שווייגן,
האָסט געזען א מאָל א בוים וואָס צוויטעט
מיט צעהאקטע צווייגן?

1

צי ביסטו געווען אמאָל אין וואלד אן אוראלטן
ווי טויזנטער ביימער מיט גאָלדענע קרוינען,
זיי שטרעקן די צווייגן מיט בלעטער און זוכן
— אזויווי מיט מענטשלעכע פינגער — די שכנים
און ציען ארויף זיך צום בליאסק פון די שטערן
און וואקסן ווי ברידער — אינאיינעם. אינאיינעם.

צי האָסטו געזען זייערע אוראלטע וואָרצלען
וואָס פלעכטן זיך איבער און ערדישע גרונטן
און ס׳דאכט פון קדמונים אין גרונטן זיי דרימלען —
צי האָסטו געזען ווי מיט זאפטן זיי טרייבן
די גזעס, די צווייגן, די בלעטער — צו הימלען.

צי האָסטו פאַרנומען דעם צער פון דעמבעס
אין שטילקייט פון אָוונט — לויטערן, קלאָרן —
צי האָסטו באַנומען דעם ווי פון די ביימער
וואָס פאַלן אַוועק מיט פאַרשניטענע יאָרן?

דער עכאָ פון אומקום. דער רויש פון זייער פאַלן
— אַט באַלד און עס וועט זיך די ערד דאָ צעשפּאַלטן —
נאָך היינט גייט מיר נאָך מיט דער פרישקייט פון נעכטן
דער טרויער פון גרויסן וואַלד, דעם אוראַלטן.

נאָך היינט זע איך טויזנטער פניאָקן
מיט קייזן, כאָטש צייל זייערע זומערס און ווינטערס;
זיי סטאַרטשען אַרויס פון דער ערד ווי די קברים
און ווייען אָן פּחד פון איינזאַמע צווינטערס.

ניט איינמאָל אין שעהן פון גרוי-בין-השמשות
זע איך עס רירן אין וואַלד זיך צו קליאָנען —
זיי רייסן זיך אָפּ פון דער ערד מיט געוויטער
און מחנותווייז גייען זיי דראָגן און מאָנען...

2

ס'האָט ניט איין געפאַר געלאָקערט מיינע שעהן
איך האָב מיט שטאָלץ און מוט זיי אויסגעמיטן.
גלויבן מיינער, טרייב די טונקלע זעונג.
וואָס אין בליק אין מיינעם האָט זיך איינגעשניטן.

*

ליים און ציגל פאַר די חורבות
פאַר דעם האַרץ וואָס איז ביז ווי דערשיטערט

דער טאָג א ניי-געבוירענער האָט זיך מיט פרייד צעלויכטן
נאָר די נאכט מיט אָפּשיין פון געשפּענסט נאָך ציטערט.

כ'טרייב די זעונג און זי קומט נאָך קלאָרער.
היימישער פּייסאַזש אין טונקל-כמורנע פארבן.
אין עדה יידן דערשראָקן אויף די וועגן
איבער זיי לבנה א שווימענדיקער שארבן.

רויך פון פעלדער אשיקע זיך קייקלט ביי די ברעגעס
און די פינצטעררייש געדיכטער, אלץ געדיכטע'ער —
אויגן, בליקן — שפּרייזנדיקע פונקען
און די נאכט קוקט שארף מיט טויזנטער געזיכטער.

ס'איז מיין שטעטל אויף די וועגן,
ס'איז מיין שטעטל אין זיין שטומען וואָגל.
הימל — פעך און שוועבל.
פייערדיקער האָגל.

ס'איז מיין שטעטל אויף די וועגן
אין זיין גורלדיקן וואָגל
איך נעם ארום א יעדן יידן
קוש אים אויס פון קאָפּ ביז נאָגל.

פליטים, פליטים אויף די וועגן
שטויב איבער די קנאָכן.
ס'איז מיין היים אין פייער,
ס'איז מיין זעל צעבראָכן.

3

זון-פארגאנג זיך שפּילט מיט וואסערן פון רויק-פליסנדיקן רעאוט.
א קינד — איך האָב פארבלאָנדזשעט נאכן באָדן זיך פון ברעג,

אין אַנבליק פון דער נאַכט וואַקסן העכער אויס די סקאַלעס
און ס׳קלאַפּט אין הערצל צוויעקעס איין — מיט העמערלעך — די שרעק.

פּלוצעם פון דער טונקל, נאָר ווי אין אַ מעשה, מיט זיין מאָגער פערדל
מיט זיין פעסל וואַסער, מיט די קאַנען — אַ ירושה פון זיין זיידענס־זיידע
פליט אַדורך. אַ צעהושטער. וועלוול „לאַמעדוואָווניק״.
וואָס די חשכות לאָזט אים קוים פון שאָטנס — אונטערשיידן.

און איך יאָג מיך נאָך אים, יאָג מיך. קאָן מיין דימיון נישט דערכאַפּן.
ווי פיל ביז צו אָ די פעלדער טויזנט מיילן. ווי פיל טויזנט ווייטן.
דערפער. שטעטלעך. שטיבער.
ס׳מישן אויס זיך רוימען. ס׳מישן אויס זיך צייטן.

אָט פליט ער ווידער וועלוול וואַסערפירער, נאָר ווי צו אַ שׂרפה,
איבער דעכער, הייזער — שפרייזט זיין מאָגער פערדל.
און עס ברענט דער קלויסטער. און די סטעפּעס ברענען.
אין די פלאַמען — זיינע אויגן. אין די פלאַמען זיין גרוי־פערדל.

און איך יאָג מיך. יאָג מיך. שוועל פון ערשטער כאַטע.
קאַנען — רויטע וואַסער. פערדלס בליקן — טרויעריק דערשראָקן.
בענקשאַפט מיינע, האָסט געבראַכט מיך אַהער צו טראָגן,
און איך ווייס ניט: כ׳בין אַ קינד נאָך צי אַ גרויער זקן.

4

שניידט אַ שטערן דורך די נאַכט,
און באַלויכט די גרויע ליכן,
טרויער מיינער, לאָז מיך שפרייזן
לאָז מיך געבן דיר אַ תיקון.

שטיקער נאַכט און שטיקער חשכות.
גריבער, ליים און הרודעס ציגל.
וויפל טעג בין איך געפלויגן
אויף די מידע בענקשאַפט פליגל.

וויפל טעג האָט עס געכוואַוועט
אַ די וואַרעמקייט — מיין שויס.
מיט פאַרקריצטע ציין איך שטיי איצט
ביי מיין פאָטערס חרוב הויז.

ס'איז דעם ווי ניט איינצוצוימען,
— עס האַמערן אין מוח די שלייפן —
עס גייט דאָס האַרץ די ברעגעס איבער.
נעם און שמיד עס איין אין רייפן.

5

פון פאַדלאָגע הויב איך אויפעט אונדזער יומטובדיקן לאָמפּ,
טראַלדן גלעזערנע זיי שפּילן נאָך מיט לעבעדיקע פאַרבן,
שניידט אַ שאַרפער קוויטש די שטילקייט פלוצעם דורך.
עס בריט די הענט אַ שוואַרץ פאַרקוילטער שאַרבן.

בלענדנדיקע פּאַסמעס צווייַ פון אויגנלעכער ציען.
אַ רגע ווערן ווענט, סופיט — אַי רויט אַי העל.
צוואַנגען האָבן איינגעקלאַמערט זיך אין האַרצן
און זיי דרוקן, יעדע צעל.

אַ ליידיקער צעבראָכענער — מיין פּאָטערס אַלטער ביכער־שראַנק.
איינזאַם און צעטראָגן, פול מיט ווייטיק שטומען —

קוקן פון די ווענט אראָפּ צעריסענע געזיכטער
פון סמאָליענסקין און פון משה ליליענבלומען.

און כאָטש דאָס ווייסע אויוונדל איז שוין לאַנג צעבראָכן
זשומען אַלץ אַרום נאָך, ווי אַמאָל, אין קיך די פליגן.
און אין ווינקל וווּ זי פלעג מיט ליבשאַפט פאַר די קינדער וואַרעמעס גרייטן
ווי אַ פּאַווע שוועבט אין בלוי, אין דורכזיכטיק אום — דער מאַמעס ניגון.

האַרציקע, יידישע מאַמע. וווּ איז זי אַצינדער, וווּ איז זי.
אויף וועלכע וועגן זיצט זי פאַרקאַרטשעט, געבויגן
און אין בענקשאַפט נאָך די קינדער אירע
וויינט זי אויס זיך אירע אַלטע, מידע אויגן?

6

באַוואַקסן די סטעזשקעס וואָס פירן צום ברונעם.
פאַרוואָרפן פון טרעט געגאַנגען מיט עמער, די קייט.
אין ס'ציען זיך שאָטנס געדיכטע און לאַנגע,
פאַרדעקן דאָס גראָז מיט זייער אָוונטיק קלייד.

ביים הילצערנעם ברונעם מיר פלעגן דאָ קינדווייז
ניט איינמאָל זיך שפּילן ביז נאַכטיק דעמער
אַ שבֿועה געגעבן, איז הייליק די שבֿועה.
— מע מוז די לבֿנה אַרויסציִען אין עמער.

שמייכלט לבֿנה און ווינקט פונעם וואַסער
רייצט מיט איר בלאַסק וואָס ווערט קלאָרער און העלער —
ברוגזע יאָטן ביז צום פאַרצווייפלען
וואַרפן איר שטיינדלעך אין זילבערנעם טעלער.

שטיי איך און קוק: ס'איז די זעלבע לבנה
גאר עפּעס דער ברונעם געוואָרן איז טיפער.
צי בענקט ניט דאָס הילצערנע פלייטל אין אונט
נאָכן געיעג פון די יאָטן די שטיפער?

איך צי אָלץ דעם עמער און קאָן אים ניט גרייכן,
פּלוצעם אין ברונעם א ברענענדיק ליכטל,
אין וואַסער איך זע ווי עס צאַפּלט און וואַרפט זיך
א קינדיש געזיכטל.

פון גראָזן צי אפשר ביי מיר גאָר אין הארצן
גייט אָפּ א כליפּענדיק קינדיש געוויין.
אין שטילקייט פון נאַכט הערט זיך פּליוסקען דאָס וואַסער.
עס ציט זיך דער עמער פון ברונעם אליין.

די סטעזשקעס וואָס פירן צום ברונעם — באַוואַקסן.
פאַרזשאַווערט עס הענגען דער עמער, די קייט.
שאָטנס זיך ציען געדיכטע און לאַנגע,
פאַרדעקן דאָס גראָז מיט זייער אוונטיק קלייד.

7

נאַכטיקע לידער פון שכנישן דאָרף
ווו זענט איר, ווו זענט איר אַצינדער
צי האָט אייך דער שוואַרצער מחבל פאַרטריבן
אינאיינעם מיט שאָף און מיט רינדער?

צי בלאָנדזשעט איר סודותדיק אום אינעם וואַלד
און רוט מיט יונגען ביים שייטער?

צי אפשר נאָר קעגן געפּאָרן און טויט
איר יאָגט מיט די נאכטיקע רייטער?

נאכט איז אין שטעטל און שטיל איז אַרום.
די שטילקייט איז פול מיט געפּארן.
ביים בריקל וואס פירט צו דעם שכנישן דאָרף
וואכן צוויי הויכע זשאנדארן.

פלוצעם א קְעכאָ רייסט דורך די נאכטן
צוויי שאָטנס דערשטיקן די וועכטער,
לבנה באווייזט זיך אויף גיך און פארשווינדט
און ס׳דאכט אז זי קייכט פאר געלעכטער.

דאָס וואסער אין טייכל פליסט רואיק און שטיל.
ס׳איז איינס צי ס׳איז צוויי שוין דער זייגער.
מיט פעלדער אוועק זענען יונגען אין וואלד,
אוועק צו זייער נאכטיש געלעגער.

בלאָנדזשען אום נאכטיקע לידער אין פעלד
און רוען מיט יונגען ביים שייטער.
צי אפשר אקעגן געפּארן און טויט
זיי יאָגן מיט נאכטיקע רייטער.

8

בענקשאַפט, בענקשאַפט, מאמע מיינע
האָסט געבראכט מיר היינט צוטראָגן
דעם געערוך פון גרינעם פרילינג,
אויף א היימישן וואָגן.

לייג איך מיך אין שטרוי אריינעט
און די נאכט — מיט קלאפ פון טלאָען —
טרייבט די אומרויקע רגעס
און די וואכע מיינע שעהן.

ווער קאָן ציילן איצט די מיילן
ווער וועט מעסטן — ווייטן
אויף דעם רייטוואָגן פון נאכט
איך, מיין בענקשאפט —ביידע — רייטן.

און עס איילן אונדז אקעגן
— טרויער מיין, ביסט אויך געקומען?
דערפער, שטעטלעך נישט דערברענטע
בלינדע שטיבער — ווי בעלי־מומים.

בלאָנקען זיי אויף פרעמדע וועגן
— „ווי' וועט זיין דיר אונטערצינדער!"
ערגעץ וויינט א שטים פון ווייטן:
עס רופט א מאמע אירע קינדער...

אוי דו טרויער מיינער, טרויער,
וויש די טרער אָפּ פון די אויגן
אויף די שליאכן פון מיין היימלאנד
הענגט שוין אויך א רעגנבויגן.

מײדאַנעק

דאָס האַרץ איז צעבלוטיקט. דער מוח צעטראָגן.
מײדאַנעק. מײדאַנעק דײַן קלאָג װיל איך קלאָגן.
װוּ ביסטו דו אַלטער, דו גרײַזער מקונן,
מיט אַש אױפֿן קאָפּ און מיט שטריק אױף די לענדן.
װוּ ביסטו איך זאָל מײַנע טריט צו דיר װענדן.
זאָלסט קאָנען פֿאַרגיסן מיט זאַפּט מײַנע קריגלען
מיט גבֿורה מײַן װאָרט און מײַן טרױער באַפֿליגלען.

װוּ ביסטו, װוּ ביסטו דו אַלט׳ער מקונן
װאָס אומגליק פֿון פֿאָלק פֿלעגסט מיט גלױבן באַקרױנען,
דו זאָלסט דאָס געמיט װאָס איז װײפֿול צעבראָכן
באַזינגען מיט טרײסט מיט אוראַלטן?

אַזױװי פֿאַרצײַטן בײַם נבֿיא זכריה
װעט בלוט דײַנס, דײַן אומה, ניט אױפֿהערן זידן
װי זאָל איך באַװײנען דעם אומקום
פֿון טױזנטער עדות פֿאַרפּײַניקטע ייִדן.

װי זאָל איך מײַן פֿאָלק, מיט בלוט פֿון מײַן האַרצן
לדורות פֿאַרשרײַבן מגילת־מײדאַנעק.
דאָרט װוּ געיאָמער פֿון קינדער װאָס ברענען
געװען איז דער נחת פֿון דײַטשן, זײער תענוג.

דאָס האַרץ ווערט פאַרשטיינערט, דער ווייטיק טוט נאָגן,
מיידאַנעק. דיין ווי און דיין קלאָג וויל איך קלאָגן.

אויף דייטשישע וועגן מיט בלוט און מיט פייער
פאַר אַלץ וואָס אונדז טייער. פאַר אַלץ וואָס אונדז טייער.
פאַר חורבן פון ווארשע, פאַר חורבן אוקריינע,
פאַר משהלעך, שלמהלעך, עופהלעך דיינע.

מיין שטאַם איז דערצויגן צו רחמים, צו פרידן.
פון היינט וועט זיין בלוט מער ניט אויפהערן זידן
ס'וועט קיינער דיין היילונג די וונדן ניט ברענגען.
כל זמן ס'וועט דער לעצטער מנובל ניט הענגען.

אויף דייטשישע גאַסן אין שלייף א פאַרבלויטער.

— — — — — — — — — — —

עם נוקם ונוטר עם נוקם ונוטר
דאָס האַרץ גייט אין בלוט אָפּ. דער מוח צעטראָגן
מיידאַניעק. דיין ווי און דיין קלאָג לאָז מיך קלאָגן.

מארט *1945*

פריינטשאפט

חבר מיינער וואָס פון ווייטסטע ווייטן
ציען דיינע הענט זיך — פינגער לאנגע, פינגער ווייסע.
מיט פאַרצערנדיקער בענקשאפט ווי אין א ליבע־מעשה,
צו מיר, צו מיין געצעלט, צו מייניקע בני־בית.
און פון די ליפּן דיינע טריפט פאר מיר נאָר שמן־זית.

חבר מיינער מיטן בלאָנדן שויבער,
וואָס דו הערסט ניט אויף צו פּויקן יעדן טאָג בציבור
וועגן דריי מאָל הייליק, דריי מאָל זויבער,
סיי צו זיך און סיי צו פריינט און סיי צו ווירקנדיקער טאט
האסט ווידער שוין פארוואָרפן אין די פאלדן פון מיין אומרואיק און ווארם הארצן
קערנדלעך פון ביטערן חשד:
ויפל מאָל שוין.

ווען דאָס בליי פון שווערע וואָלקנס האָט געדרוקט אראָפּ, אראָפּ,
און געדאכט זיך: ניט פארמיידן וועט דער גורלדיקער קלאָפּ.
ווען צעבלוטיקט איז געווען אי מיין אי דיינע זעל
ביסטו געקומען א בעל־תשובה צו מיין שוועל.

כאָטש די וווּנד געווען איז פריש־צעיאטערט,
האָט מיין הארץ פאר דיר געקלאפּט געקלאפּט.

איך האָב געזען דיך מיד און בלאָס־פאַרמאַטערט,
טעג און נעכט פאַרגאַנגענע מיט בלוט מײַנעם עקשנותדיקן
געטון האָבן אַ רעד.
געדענקסט ווי שטאַמלענדיק עס האָט געציטערט דײַן על־חטא?

הײַנט ביסטו ווײַט, דו טרעטסט אויף יענע גאַסן
וווּ מײַן בענקשאַפט בלאָנדזשעט אום באַטאָג, בײַנאַכט,
איך טראַכט צו דיר; און ס׳צײַטיקט די פאַרדאַכט
צי טראָגסטו ווידער ניט אַרום מײַן פרײַנטשאַפט ווי אַ רויב
און שענקסט זי דאָרט אַוועק פאַר אַ ליאַדע חײַ־שעה פון צווײפֿלהאַפטן לויב.
טאַטשעט, טאַטשעט ביז צו ווײַטיק טיף דער חשד:
איך פֿיל; האָסט ווידער זיך פאַרפּלאָנטערט שוין
אין דער נעץ פון חברשן פאַראַט.
ס׳איז מיט פעברואַר. פערגאַנגער טאָל. די שוואַרצע ערד ווערט ווײַס, ווערט ווײַס.

איך זע אַ ריזיק פעלד מיט רײַז.
עס וועלן באַלד אַרויס די שניטער. קלויבער.
עס פאַלט דער שניי קרישטאָליק-ווײַס.
און זויבער. זויבער.

פעברואַר 1945

אז דײַן זון וועט דיך פֿרעגן

אַז דײַן זון וועט מיט שרעק אין די אויגן דיך פֿרעגן
פֿאַרוואָס האָסט פֿאַרפֿײַניקט ייִדישע קינדער אויף רוסישע וועגן
פֿאַרוואָס דו האָסט פּרויען און זקנים פֿאַרמוטשעט, דערשאָסן?
וואָס וועסטו דײַטשישער מנובל אים ענטפֿערן אויף אַ־די גרויליקע פֿאַרוואָסן?

דײַנע יונגע אַקסל וועלן ציטערן און בליקן פֿול מיט שווידער שטוינען,
כּיוויס, עס וועט אים עקלען מיט דיר אונטער איין דאַך צו וווינען,
מיט אומקום טראָגט פֿון דײַן געצעלט, מיט געררוך פֿון איבערפֿולטע קינדער קבֿרים.
פֿון דײַן יעדן פֿינגער-אָנריר וועלן זײַן גופֿל בלײַבן בלוט־סימנים,
און — מוקצה מחמת מיאוס — שפּײַען דיר אין ווילד צעקרימטן פּנים.

דײַטשישער מנובל, איך זע דיך אַ מטורפֿער אויף פֿרעמדע שטעגן לויפֿן
און אויף דײַן טרײַפֿהן האַרץ הענגט ווי אַ קללה נאָך דער קין־צייכן,
איך זע ווי קינדער קערן אָפּ פֿון דײַנע דאַלעד אמות
ווי פֿאַר אַ הונט אַ קרעציקן פֿון וועמען אַלע וויכן.
ציטער, ציטער אין דײַן נאָרע אין שטאָל און אין אײַזן פֿאַרפּאַנצערטער קיין מיין ניט, לית דין ולית דין.

און דײַן זון, דײַן זון אַז ער וועט עלטער ווערן
וועט ער מיט שנײַדיקן פֿאַרדראָס ביז שטיקנדיקע טרערן

טרייבן דיך פון היים, פון שטאָט
ניט לאָזן דיין בלוטיקן טראָט
אויף זיין שוועל
און זיין פארוואונדעטע זעל
ווען א פארצווייפלטע שטראָפן און מאָנען,
פארוואָס האָסט צו שפאָט און צו שאנד
זיין שטאָט און זיין לאנד
און זיין נאָמען געמאכט
און אויף זיינע צעיאָטערטע טעג
פארצויגן א גרויזאמע, פינצטערע נאכט.
ציטער, ציטער, אין דיין נארע דייטשישער מנובל
ווי ווען זיין דיין הינטישער נשמה
ווען ס'וועט טרעפן דיך דיין לייבלעך קינדס נקמה.
ווי ווען זיין דיר דייטשישער מנובל,
ווי —.

ווייש אויס מיין פאָלק פון אויג די טרער

ווייש אויס מיין פאָלק פון אויג די טרער
דיין ווי אין הארצן טיף באהאלט,
עס זאָל קיין צוים אין גאנג, קיין שטער
ניט זיין פאר גרויסער פרייד וואָס קוואלט.

ווארף אָפּ דאָס אש פון דיינער זעל,
דו דארפסט די טרייסט, איך ווייס, איך ווייס,
די פרייד וואָס ריזלט צו דיין שוועל
איז אָנגעזאפּט אין בלוט, אין שווייס.

די פרייד וואָס קומט פון ווייטע שטעט
און ברענגט א גרוס פון טרייע זין
זי היילט די וווּנדן דיינע, גלעט
מיט שרפה־אָפּשיין פון בערלין.

עס שמעקט די לופט מיט פרילינג, זיג
גיי אויף, גיי אויף דו גרויסער טאָג,
היינט וויל איך אין דיין מידן בליק
ניט זען קיין שפּור פון ווי און קלאָג,

ווִיש אויס מיין פאָלק פֿון אויג די טרער
— עס איז דיין הייליקער פארמעג —
היינט וויל איך אין דיין יעדן קער
זאָל פרייד אריבערגיין דעם ברעג.

25.5.45

א גוט מאָרגן דיר וועלט

דורכזיכטיק בלוי איז דער רוים, דער ארומעט.
דורך מיין טונקל-פארבלוטיקטער שויב
שניידן אריין זיך צעזילבערטע שטראלן
און לעכערן דורך דעם בלייאיקן שטויב,
וואָס האָט זיך געלאָזט אויף מיין יידישן אומעט.

שניידן אדורך דעם נעפל געדיכטן
וואָס האָט דיך פארשניטן פון אונדזער געצעלט
א, גרויסע, א זינדיקע וועלט!
שבעה געזעסן נישט איינער, נישט איינער.
אויך גלויביקע האָבן געבוירן

באוויינער
וואָס האָבן פארלוירן
דאָס גלייכע געוויכט
און האָבן אין שעהן פון וויטעק און צווייפל
גערופן צוריק צו דעם חלבנעם ליכט.

*

ניִשט איינער. ניִשט איינער
דאָס גאָלד פון דער ליכטיקער זון
האָט מיט יאוש און טרויער אין שווארצן בארעמט —
ווייל זי האָט געשיינט פארן תלין און קרבן
צו גלייך — אומפארשעמט.

די שיין פון פארוויינטער לבנה
מיט טונקעלע טיכער פארהאָנגען, פארשטעלט
און א שליידער געטון מיט דער טיר פון זייער צעלט:
— א גוטע נאכט דיר פארברודיקטע וועלט!

*

היינט איז דורכזיכטיק בלוי אי דער רוים, אי דאָס לעבן
— כאָטש וונדן און ווייען אין פריידיקן ברויז —
האָט רו זיך באזעצט מיט טרייסט און מיט גלויבן
אין יעטוועדן הארצן, אין יעטוועדן הויז.

און ווען פרימאָרגן — באגינען די שויבן צעהעלט
גיי איך ארויס ווי א פרומער אין פעלד
הויב אויף די הענט מיט אמונה און האָפן
קיין מערב, קיין מזרח, קיין דרום, קיין צפון,

איך זע ווי טויטע נשמות פארשווינדן
די שאָטנס וואָס שניידן נאָך דורך דיין געזיכט
עס האָט זיך צעצונדן
דאָס גרויסע, דאָס בלענדיקע ליכט.

הויב אין די הענט אויף צום בראשית-געבוירענעם טאָג
און דריי מאָל הייליק איך זאָג,
עס זאָלן הערן די גראָזן, די קנאָספּן אין פעלד:
— א גוט מאָרגן דיר וועלט!

יוני *1945*

דערציילונגען

דער טאַטע מיטן זון

דער שמועס איז געווען אַ קורצער, אַ זאַכלעכער, די ווערטער — אָנגעשאַרפּטע. ניט פון איין טאָג האָבן זיי זיך אײַנגעשניטן אײַנעם אין צווייטן.

יאַנקעוו זאַושניצער האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ עפנטלעכער באַגעגעניש מיט זײַן אַברהמען. דערזען פון דערווייטנס דעם דירעקטאָר פונעם קאָמבינאַט מיט אַ בכבודיקן גאַסט, האָט דער אַלטער באַשלאָסן צו געבן הײַנט אײנמאָל פאַר אַלעמאָל די ענדגילטיקע „שלאַכט“.

דער דירעקטאָר פונעם אַלץ וואַקסנדיקן וועבערײַ-קאָמבינאַט, דאַוויד סאָלימאָן איז אַרײַנגעקומען אַהין מיטן מאָסקווער, כּדי צו באַווײַזן דעם פּערטן קאָרפּוס, וואָס מע האָט דאָ ניט לאַנג געלאָזט אין גאַנג. ער האָט באַשלאָסן זיך צו האַלטן רויִק און באַשיידן, ווי שטענדיק, און דאָך אינערלעך זיך געכאַפּט, אַז אַ נײַ, אים פרעמד געפיל, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און וויל אַרויסשלאָגן אויף זײַנע מויל-ווינקלען אַ לײַכטזיניקן, באַרימערישן שמייכל,

הפּנים אויף אָפּצוטרײַבן דאָס דאָזיקע געפיל האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מע טרײַבט אָפּ אַ זלידנע פליג, כאָטש זי האָט שוין אירס סײַוויי מתקן געווען, און אַ זאָג געטאָן מער צו זיך ווי צו דעם טרעסט-פאַרשטייער;

— נײַע קאַדרען. נאָך דער עוואַקואַציע געבליבן היגע.

דערפילט אַז ס'האָט זיך באַקומען נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט ער נאָך אײַליקער זיך אַ כאַפּ געטאָן, און ווי אויף צו להכעיס האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן אַ נאָך מער איבערנעמערישער טאָן:

— אַלע שוין דורכגעמאַכט טעכמינימום...

דער „מאָסקאָווער“ האָט געשפּאַנט אין דער טיף, עס איז נישט געווען קלאָר, צי זענען צו אים דערגאַנגען סאָלימאָווס לעצטע ווערטער, צי דאָס געקלאַפּ פון די שפּולן האָט זיי אײַנגעשלונגען. די פּערספּעקטיוו פון טיפן און הויכן קאָרפּוס

איז געווען צו פארכאפנדיק, אז מ׳זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן אויף לאנג ביים ארייננאנג.

ווי נאָר אָבער דער אלטער בוי־טעכניקער יאנקעוו זאושניצער און זיין זון אברהם, דער אינזשעניער פון פּראָיעקט-ביוראָ, האָבן דערזען, אז דער דירעקטאָר דערנענטערט זיך צו זייער ווינקל, איז זייער וויכוח איבער די אויסגעגראָבענע פונדאמענט-גריבער פאר די צוגאָב־מאָטאָרן איבערגע־ריסן געוואָרן. קענטיק, דעם זון איז פיינלעך געווען צו פירן ווייטער דעם שמועס אין דער אָנוועזנהייט פון דער דירעקציע. זיין טאָן איז געוואָרן אָפּי־ציעל, באפעלעריש, און ער איז מיטאמאָל איבערגעגאנגען אויף א שארף אונ־טערגעשטראָכענעם „איר".

— איך מיין פונדעסטוועגן, אז די פונדאמענט־גריבער זענען נישט ריכ־טיק אויסגעגראָבן. איך פארווער אייך קאטעגאָריש זיי צו פארגיסן. מ׳דארף גרינטלעך קאָנטראָלירן די „גאבאריטן"... און זייט אזוי גוט ווייטער שטענדיק האָבן ביי זיך דעם געהעריקן עסקיו...

דעם אלטן האָט פארפעלט אָטעם. ניט ווילנדיק האָט זיך זיין גרויסער ליסע-קאָפּ געבעבן א דריי אויף לינקס, ווו עס איז געשטאנען דער בריגאדיר.ביידנס בליקן האָבן זיך באגעגנט און געפאלן אויפן פארכיקן טרוקענעם געמיש פון זאמד, צעמענט און ברוכשטיין. עפּעס ווי פארשעמט האָט אויסגעזען דער פולער עמער וואסער אין די הענט פונעם קליינוווקסיקן בעטאָנירער, וואָס איז שוין צריין אין די גרויסע ספּעץ-שטיוול, גרייט אָנצוהייבן נעצן דאָס געמיש. אויך די צוויי מישערס זענען געשטאנען אָנגעשטרענגט מיט די רידלען אין די הענט און געוואַרט אויפן באפעל, וואָס פלעגט ביים אלטן ארויסקומען תמיד אין דעם זעלבן נוסח און מיט זעלבן ווונק פון רעכטן אויג.

— דאווייטע, רעביאטא! כחומר ביד היוצר!...

און כאָטש נישט אלע האָבן פארשטאנען די טייטש פון די לעצטע ווער-טער, האָט אָבער יעדערער געפילט, אז עס זענען ניט קיין בייזע רייד, און מיינען מיינט עס: א מיש טאָן מיט די רידלעך, וואָט, מיטן גראָבן פינגער?

דער באפעל איז אָ ער דאָס מאָל נישט געקומען. דער אלטער איז גע-ווען שטארק אויפגערעגט, ער האָט זיך גאָר נישט געקאָנט בארויקן.

— האָסטו געהערט א ביסל! מי לנו גדול! ער פארווערט!

אברהם האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך נאָר אָנגעשפּארט מיט דער פּלייצ׳ע אין דער וואנט. א פּיר געטאָן מיט דער האנט איבער זיינע העל-צע-שויבערטע האָר. די רויטלעכע פארב פון זיינע באקן איז מיטאמאָל אנטרונען. ער האָט אינגאנצן אויסגעזען א סך איידעלער און העכער ווי תמיד. מיט די

פינגער האָט ער נערוועז געקלאַפּט אין רעמל פון דער וואַנט-צייטונג, וואָס איז געהאָנגען אין ווינקל, און פון צווישן די ציין. מיט פאַריבל אַראָפּגעזאָגט רויק, געהאַקט, כמעט ווי מיט א ניגון:

— כעס, טאַטע, איז דאַכט זיך מיר, עבודה-זרה...

— אוווא, תורה גאָר? מוסר? דאָס הינדל לערנט שוין די קוואָטשקע?

די גנטאַנירער, די נאָענטע וועבערנס זעניען געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס. פון די „בויער" האָט עמעצער א זאָג געטאָן:

— דער טאַטע מיטן זון...

א מיידל, א וועבערן, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט גרויס נייגיר דעם גאַנצן אינצידענט, האָט איבערגעחזרט ווי פאַר זיך:

— קאָכא נא קאַמען...

דער טומל האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן. ס'איז אונטערגעקומען דער דירעקטאָר. ער קען דעם אַלטן זאַוושניצער נישט פון נעכטן. ער האָט הפנים פאַרשטאַנען אַז דאָ איז פאָר געקומען עפּעס א סכסוך. דער אַלטער האָט זיך באַמיט צו זיין רויק. סאַלימאָוו האָט אים פאָרגעשטעלט: „דער בעסטער טעכני־קער אויף דער בויונג" און אַנווייזנדיק אויף אברהמען, אַרויפגעלייגט גוטברו־דעריש די האַנט אויף זיין אַקסל:

— אָנפירער פון פּראָיעקט־ביוראָ — אינזשיניער זאַוושניצער.

— געהערט, געהערט, — האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ דער טרעסט-פאַר־שטייער, און די בליקן זיינע האָבן אָפּגעמאָסטן אָט דעם פאָטער, אָט דעם זון.

יאַנקעוו זאַוושניצער האָט זיך אויסגעגלייכט און זיך גענומען פאַרקנע־פּלען די בלויע ספּעצאָווקע. עס האָט געהייסן: דעם „געהערט" נעמט ער אָן אינגאַנצן אויף זיין חשבון.

דער טרעסט־פאָרשטייער האָט אָנגענומען אונטערן אָרעם דעם יונגן זאַ־וושניצערן, אַזוי ווי מע נעמט אָן אַן אַלטן גוטן באַקאַנטן. שפּאַנענדיק לענג־אויס דעם צעך, האָט ער אויסגעהערט מיט כוונה אברהמס אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון די פּראָיעקט־אַרבעטן און אויך וועגן דער בויונג גופא. ער האָט אויף קיין רגע ניט אַראָפּגענומען פון אים דאָס אויג.

דער אַלטער איז געבליבן א ווײַלע שטיין ווי פאַרלוירן. ערשט איצט האָט אים ווידער א קלונג געטאָן אין די אויערן אברהמס באַפעלערישער טאָן. ער האָט מיטן געדאַנק א נישטער געטאָן אין אברהמס ווערטער און, ווי אויף צו להכעיס, ניט געקאָנט געפינען אין זיי קיין שמץ פון חוצפה, פון אָנגעבלאָזענער תקיפות. די וואָרענונג האָט איבערגעלאָזט א שטאַרקן געפיל פון רײַפקייט, פון מענ־לעכן כוח.

„עונוואַנען האָט זיך עס פונדעסטוועגן גענומען צו אָט דעם שנעק אַזאַ אנטש־לאָסנקייט, אַזאַ גבורה?

גיך, קוים וואָס די פאַרזשמורעטקייט פון די בליקן האָט באַוויזן אַראָפּ־צוציען דאָס נעפּלהאַפטע הייטעלע פונעם געזעענעם, האָט א שווּעב געטאָן פאַרן אַלמנס אויגן א גרויסער הילצערנער גאַנעק פון א ווייטער, אַלטער יידישער שטוב. א זומערדיקער שבת־צו־נאַכטס. פעטערס, מומעס, שכנים.

זיין רחלען האָט זיך פאַרוואָלט מכבד זיין די געסט מיט א קאַלטן טרונק. זי נעמט די גרויסע מעשענע קוואָרט אויף צו צעגיסן דאָס וואַסער אין די גלעזער, לאָזט אַראָפּ אברהמטשיקן פון די הענט, און פון איר ברוסט רייסט זיך אַרויס א פריידיקער קוויטש:

— אַברהמלס ערשטער טראָט...

...פון שכנותדיקן קאָנטאָר־צימער הערט זיך דאָס קלינגען פון א זייגער. אָוונט. איינס... צוויי... ס'איז שוין נאַכט. פון אַלע לאָמפּן טוט א פלייץ מיט ליכט. דאָס געקלאַפּ פון די וועב־מאַשינען ווערט מיטאַמאָל שטאַרקער, האַסיקטער, צי ס'דאַכט זיך נאָר אַזוי. דער אַלטער שלעפּט אַרויס פון דער הינטערשטער קע־שענע דעם קײלעכדיקן בלישטשענדיקן מעטער און דעם „שלימזלדיקן" עסקיז. דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיין אַברהמס חתמעט אויף א צייכענונג גיט א קוק אויף אים מיט אַזאַ פרעמדער קאַלטקייט. אפילו דער געביטענער סוף פון זיין פאַמיליע־נאָמען וואָס האָט שוין די לעצטע צייט אויסגעזען ביי אים נאָר ווי א וווּליוונגע־ריש חנדל, האָט ווידער באַקומען א ביי־טעם פון עובר זיין אויף כיבוד־אָב.

„וואָס איז עס מיט אים? איז ער טאַקע שיין אין דער אמתן עוברבטל. צי וואָס?... ער קוקט זיך איין אין די אויסגעגראָבענע פונדאַמענטגריבער, אין אַברהמס אונטערשריפט און פלוצעם, ווי אומיסטן, לויפט אָן דאָס ער־שטע מאָל א געפיל פון ניט־זיכערקייט: „פונדעסטוועגן געדאַרפט באַווייזן אַבר־המן די צייכענונג. געדאַרפט קאָנטראָלירן אינאיינעם מיט אים די פאַרטיקע גריבער...

א קוועטש אויפן מעטער־שיידעלע, אין די גלאַנציקע, שטאָלענע סטענגע ליגט שוין לענגאויס דעם ערשטן פונדאַמענט.

די בריגאַדע שטייט און וואַרט. א מאַך מיט דער האַנט:

דאַווי? כחומר!

צוריק כאַפּן איז שוין שפּעט. דאָס וואַסער פון די עמערס גיסט זיך. ראַנד צו ראַנד קלאַפּן די רידלען. דאָס „טויטע" נעמיש הייבט זיך אָן צו באַוועגן טרינקט גיריק די פליסיקייט און ווערט פאַרוואַנדלט אין „לעבעדיקן" בעטאָן.

ער גיט זיך א כאַפּ צום מעטער. עס טוט אים פלוצעם א פּיק אין מוח, ווי מיט דער שפּיציקייט פון א שפּול. יאָ, אָפּבעבראָכן א שטיקל סטענגע. ער

דערמאַנט זיך, אַז שלימקע האָט נעכטן מיט אירע קליינע פּוכקע הענטעלעך אים געשטופּט דאָס שטיקל מעטער אין מויל אַריין.

שלימקע — דער בלאָנדער, קוטשעראווער „אייניק״ זיינער. מיט די ראָזע בעקעלעך ווי שאַפּראַן־עפּעלעך... דאָס איז איר שטיקל אַרבעט...

די פונדאַמענט־גריבער שלינגען איין דעם אַלטנס געדאַנקען. זיי זעען אויס, די גריבער, עפּעס ברייטער, טיפער און גיסן זיך צונויף אין איין גרויסן שטח. מעסטן איז שוין ניטאָ וואָס. קלאָר, דער מעטער האָט אונטערגעפירט. סיי די פונדאַמענטן און סיי די דורכגענג זענען געגרייזט. געגרייטן ניט אויף קאַטאָוועס. „ניט שוין זשע האָט דער בחור באַקומען אַזאַ שאַרפן קוק!״ האָט דער אַלטער אַ טראַכט געטאָן. „ווייזט אויס, איבערגעשטיגן די קוואָטשקעס״!

די בריגאַדע האָט געענדיקט מאַכן דאָס ערשטע „געמיש״. דער פּיי־טער בעטאָן־שיכט ליגט „אויסגעצויגן״ ווי אַ בר־מיגן. קיין סך וואַרטן טאָר ער נישט, ער ווערט ביסלע־ווייז „פאַרשטאַרט״.

אין אַ צווייטן צעך האָט דער אַלטער געפונען אַן אָרט, וווּ אים צו „פּאַר־טאָן״, און אַליין איז ער אַוועק „איבערצוצייכענען״ די פונדאַמענט־גריבער. דער פּלאַנטער האָט זיך אַרויסגעוויזן גרעסער, ווי ער האָט געמיינט. אייניקע גריבער דאַרף מען איבערוקן. אייניקע גיסן זיך איינגאַנצן צונויף. כדי זיי אַ־בערצוטיילן און נישט באַנוצן קיין איבעריקן בעטאָן, וועט מען מוזן אַפּגיך מאַכן הילצערנע ווענטלעך. דאָס געהילץ געפינט זיך אין רשות פונעם „באַשטעלער״, און דער אונטערשריפט פון דער פּראָיעקט־ביוראָ קאָן מען קיין ברעטער ניט קריגן. גיין בעטן אַברהמס חתימה הייסט „אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און... צייל, זונעניו אַריין דעם טאַטן דיינעם וויפל ס׳וועט אַריין״...

ער פאַרשנירעוודעט די ליפּן, דאָס לינקע אויג פאַרמאַכט זיך פון זיך אַליין יאָ, הפנים עפּעס צוגעטראַכט.

מיט קליינע טריטעלעך לויפט ער גלייך אַוועק צו דער זעגמיל. אין אַז־וינע מינוטן דאַרף ער נישט קריכן אין קיין פרעמדער קעשענע נאָך אַ וואָרט־קודם כל, מאָנט ער נישט קיין „מאַטעריאַל״, נאָר „אָפּשניצן״. והשנית „אויף אַ ווײַלע, אויף איין מעת־לעת״. דאָס געהילץ האָט ער אויפגעפּועלט און, נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, אַליין עס, במחילה, אַריבערגעפירט.

ער איז אַריין אין דער „טשייכאַנאַ״ און ווי אויף צו להכעיס ניט גע־טראָפן דאָרט קיין איין היימישן. פון יענער זייט גרויסן „אַריק״ ווינט איס־מאַילאָוו. כאַסיל איסמאַילאָוו איז אַ גוטער ערדגעבער. אַז זאַושגיצער האָט אים דערציילט האַלב אין אוזבעקיש, אַז ס׳איז אַ דרינגענדיקע באַנאַכטיקע אַרבעט, האָט איסמאַילאָוו קיין סך נישט געטראַכט, ער האָט אָנגעטאָן צוריק די אַלטע יאַרמלקע

דעם לאנגן כאַלאַט מיט דער צוגויף געקאַטשעטער פּאַטשיילע, א נעם געטאָן דעם רידל מיט דער קירקע, און מיט א ברייטן „באיער“ זענען זיי אַרויס פון שטוב.

זיי זענען געגאַנגען ביידע און געשוויגן. עס האָט זיך נאָר אַלעמאָל גע־לאָזט הערן דאָס קלאַפּן פון איסמאַילאָווס רידל, — ער האָט אים געטראָגן ווי א שטעקן. ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, נאָר די פאַבריק האָט פונדערווײַ־טנס געלויכטן א וואכע, א מונטערע, מיט אָנצאָליקע קליינע שייבעלעך פון אירע הויכע ברייטע פענצטער.

אָנגעוויזן איסמאַילאָוון ווי צו דערגראָבן די פונדאַמענט-גריבער, האָט דער אַלטער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמד און איז געבליבן אין דער הוי־לער מייקע:

— „לאָמיר נאָר א קוק טאָן, רעב יאַנקעוו, ווי דער „חומר“ וועט ביי דיר א קרעכץ טאָן „ביד היוצר“.

— אָן אמתער „פּראָיזוואָדיטעל ראַבאָט“, — גאַפן די שכנותדיקע ווע־בערנס.

— אָן אמתער „פּראָראַב“.

— זאָושניצער האָט נישט ליב דאָס דאָזיקע וואָרט, ס'איז אים ליי־בערשט דער נאָמען טעכניקער. „עלטערער“, „מיטעלער“, „יונגערער“ — אַבי טעכניקער.

אויף דער בויונג ווייסט מען פון דער דאָזיקער שוואַכקייט זײַנער. א'יצט ווען ער האָט צונויפגעקלאַפּט די ערשטע ווענטלעך, האָט אים א ברי געטאָן דער נאָכקלאַנג פון אָט דעם וואָרט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמעצער איז אייגנס אַהער געקומען אים א יאַדע טאָן:

— חבר טעכניקער, אַז מע קאָן ניט מיטן מעטער, מעסט מען מיט דער זעג.

איסמאַילאָוו פּוצט נאָך אַלץ די פונדאַמענט-גריבער. זאָושניצער האָט שוין איינגעפּאַסט די ערשטע ווענטלעך. די צייט לויפט, גלייך מע יאָגט זי נאָך

אברהם האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן קאָמבינאַט און איז געקומען אַהיים שפּעטלעך. דאָס צימער, ווי תמיד ציכטיק אויפגעראָמט, האָט היינט אויסגעזען גאָר זויבערער, שטרענגער, ערנסטער. די אָרדענונג אויפן פּאָטערס טיש האָט אָנגעזאָגט:

ער איז נאָך אין דער היים ניט געווען.

---

1) באיער — א גוטע נאַכט

שליַקע איז געשלאָפן. דאָס עסן האָט זיך געוואַרעמט, רחל, די „זאושני צערקע", איז געזעסן לעבן אימפּראָוויזירטן בעטל און עפּעס פאַריכט. אויסגעזען האָט זי א סך יינגער פונעם מאַן. אין א סאַמע פּשוטן קליידל פלעגט זי אויס־זען יום-טובדיק. וועגן איר פאַרטעכל פלעגן שכנים זאָגן, אז מע ווייסט ניט, ווען זי וואַשט עס.

די שנור ארבעט אויך אויפן קאָמבינאַט, און די גאַנצע שטוב־ארבעט פאַלט אויף רחלעס פּלייצעס.

דערהערט אז דער פאָטער איז נישט געקומען איינגעם מיטן זון און אז קיין באַראַטונג איז אויף דער בויונג היינט ניטאָ. האָט רחל אָנגעהויבן ווערן אומרויק. אברהם האָט זיך עטלעכע מאָל דורכגעדרייט אין ענגן צימער. געכאַפּט א קוק צו דער „קליינער" אין בעטל, אויסגעגלייכט די ביכער אויף זיין טישל, כאָטש זיי זענען געלעגן אין דער פולסטער אָרדענונג. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. א מאָדנער געדאַנק איז אים דורגעלאָפן ער איז איילִיק אוועק אויפן קאָמבינאַט, ס'האָט אים א צי געטאָן צום צווייטן קאָרפּוס. דערזען דאָרט דעם פאָטער ביי דער עבודה, האָט ער זיך געוואָלט צוריקציען. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, דאָס אייז האָט אָנגעהויבן לאָזן.

— דער מוידס שטיקל ארבעט, — האָט ער אים אויסגעשטרעקט דעם מעטער.

ס'איז געווען אין דעם אי התנצלות אי יינגלשער פאַרענטפער, מען האָט עס אָבער געקאָנט טייטשן אויך: „ביסט א שותף צו דער עבודה, ס'איז דיין שלימקעס שפּיצל".

לויטן פאַרנעם איז געווען קלאָר: פאַרקאָכט א פיינע קאַשע. ריידן אָבער איצט וועגן דעם האָט ניט געהאַט קיין שום זין.

— וווּ האָסטו געקראָגן די ברעטער, טאַטע? איבער דיינע „אָפּשניצן" וועט מען האָבן צו זינגען און צו זאָגן מיטן „באַשטעלער"... פאַרפאַלן. די ווע־טער האָבן זיך אליין ארויסגעריסן.

— טאַטע...

נאָכן היינטיקן געשפּרעך איז אין דעם געווען אי עפּעס אָפּגעפרעמדט אי גאָר-גאָר אייגנס. דער אלטער האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך פאַרהוסט שטאַרק פאַרהוסט, עס האָט געהייסן:

„וואָס מיר „באַשטעלער", אָבי די פונדאַמענטן זאָלן מיר זיין צו דער צייט".

אברהם איז געשטאַנען נאָך א ווײַלע. אפשר זיך אויסטאָן זיך נעמען אים העלפן? ער ווייסט: דער אַלטער וועט עס ניט דולדן. עס האָט זיך אים פּלוצעם פאַרוואָלט זאָגן דעם פאָטער עפּעס א גוט וואָרט, גאָר א וואַרעמס. ס'האָט אים נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן ווײַ טאָן דער טאָן פון דעם הײַנטיקן געשפּרעך. ער האָט א קוק געטאָן אויפן זײַגער און איז אַרויס פון צעך. אויפגיך אָפּגעגעסן, פאַרלייגט א תירוץ, אז דער פאָטער איז געבליבן אויף „דעזשורסטווע", איז ער אַוועק אים אָפּטראָגן אָונטבײַט. די מוטער האָט אי אָנגעקוואָלן אי זיך געוווּנדערט אויפן פּלוצעמדיקן „שלום־בית" צווישן טאַטן מיטן זון.

דערזען אים מיטן פּעקל עסן אונטערן אָרעם, האָבן זיך דעם אַלטן שיר נישט געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און א ברום געטאָן:

— וואָס פּליסטו אַרום ווי א פויגל! די מאמע איז דאָך אַליין מיטן קינד!

אברהם האָט א שמייכל געטאָן. ער איז געבליבן שטיין אומבאהאָלפן און נישט געוווּסט ווו אהינצוטאָן די הענט. אינדערגיכן, גלײַך ווי ער דאַרף זיך מיט עפּעס באהאַלטן, האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס עסן אויפן צעמענטענעם דיל און איז אַרויס פון קאָרפּוס. דער אַלטער האָט נישט מפסיק געווען. דאָס זעגל, דער האַמער האָבן זיך באַוועגט לעבעדיק פרײַלעך. ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווען די וועבערנס האָבן זיך געביטן. דאָס בינטל עסן איז געבליבן ליגן אויפן זעיביקן אָרט.

ערשט פאַרטאָג, ווען אַלע פונדאַמענטן זענען שוין געווען גרייט צום בעטאָנירן, האָט ער א רוף געטאָן איסמאַילאָוון און זיך אַוועקזעצט מיט אים איילּיק איבערבײַסן. ער האָט זיך געפּרוווט אים עפּעס זאָגן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן. אז ער איז נאָך אָט דער נאַכט רײַכער געוואָרן מיט א פּאָר געדאַנקען. ס'האָט אים אָבער מיטאַמאָל פאַרפעלט לשון. ער האָט נאָר א ווונק געטאָן אויף די פונדאַמענט-גריבער, אויפן גאַנצן קאָרפּוס און גיך גענומען אָנטאָן דאָס רעקל.

איסמאַילאָוו האָט אויך געוואָרפן א בליק אויפן צעך און אַרויסגעמורמלט:

— יאַקשי קאָרפּוס, דזשודא יאַקשי.[1]

ביים אַרויסגאַנג איז אַנטקעגן געקומען אברהם. דער אַלטער האָט זיך געמאַכט אים נישט זעענדיק און איז אַוועק אהיים.

רחל איז שוין לאַנג געווען אויף. דאָס קינד האָט זיך געשפּילט. די מידקייט פון דער נאַכט איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן.

---

[1]) א גוטער קאָרפּוס, זייער א גוטער.

אז רחל האָט אים דערלאַנגט טיי, האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנט און, ווי פאַרן פּאָרטרעט פון א וויכטיקן סוד, איר אריינגעקוקט אין די אויגן. זאָגן האָט ער אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט איר נאָר אריינגעזונגען, ווי אין די יונגע יאָרן, גלייך אין פּנים אריין זיין באַליבט לידל, האַלב יידיש, האַלב מאָלדאַוויש:

— לא אָמות כי אחיה! אָף דאָאַמנע [1])

שוין לאַנג האָט אים רחל ניט געזען אַזאַ אויפגעלייגטן. זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז אויף אים אַזוי די גדולה.

דער מעטער איז שוין ווידער געווען אין שלימקעס הענטלעך. זי האָט אָפּגעבראָכן נאָכאַמאָל א שטיקל כטענגע, דער אַלטער האָט עס געזען, עס האָט אים ניט אָנגעהויבן אַרן. ער האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קינד פונעם בעטל, געמאַכט מיט דעם א פּאָר הקפות אַרום דעם טישל. געקושט דעם די אייגעלעך, דאָס מיילעכל און אריינגעשעפּטשעט מיט א געמאַכטן ערנסט, אויף א צוגעטראַכטער, קינדערשער שפּראַך, אַן אומפאַרשטענדלעכע מעשה.

רחל איז געבליבן שטיין אין ווינקל, זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער אַלטער האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען, אַזוי שטיל, גלייך ווי דער עיקר איז עס א געהיימער שמועס צווישן אים און שלימקען און עס מוז בלייבן א סוד פאַר איר, פאַר דער באָבען.

שלימקע האָט געקוקט מיט גרויסע, בלויע אייגעלעך, גלייך זי פאַרשטייט יעדעס וואָרט. דאָס בלאָנדע קוטשעראַווע קעפּל האָט זיך איינגעניורעט, געטוליעט זיך צום זיידנס באַוואַקסן פּנים.

אין דרויסן האָט געפּייפט די צווייטע סירענע. יאַנקעוו זאַושניצער האָט זיך געגעבן א ציִ אויס, איבערגעגעבן רחלען דאָס קינד און אַוועקגעשפּאַנט צו דער אַרבעט מיט פעסטע, קרעפטיקע טריט.

---

[1]) כ׳וועל ניט שטאַרבן, איך וועל לעבן, אָ, גאָטעניו.

צוויי ברידער

צוויי ברידער זענען זיי געווען, צוויי יידישע בחורים, ביידע הויכוווקסי־קע, לאנגע, ביז אונטער דער סטעליע. ביידע האָט זיך זיי נאָכגעשלעפּט אהער אין דעם זוניקן גאסטפריינטלעכן פערגאנער טאָל, זיך נאָכגעשלעפּט אהער אין טיפן סאָוועטישן הינטערלאנד — פון ווייטן פּוילישן שטעטל, ערגעץ פון אונ־טער וולאָצלאוועק — צוויי טשיקאווע פּוילישע נעמען.

דעם עלטערן, גבריאלן, איז ווי־ס׳ביט־איז דער נאָמען נאָך פּאָרט עט־וואָס צוגעגאנגען, פּאָרט האָט מען נאָך געקאָנט אין דער פּאווזע צווישן איין טראָפּ און דעם צווייטן א פּיר טאָן מיטן אויג איבער זיין לאנגער פיגור — פון דער אָפּגעגלעטער פּריזור און שפּיציקן אונטערבערדל ביז צו זיינע לאנגע שיך. ווען ער פלעגט זיך געבן פאר אייך א פארנייג און א שאר־פן זאָג טאָן: „גאווריש״, מיטן טראָפּ אויפן „גאוו״, איז פאר אייך תיכף דערי־בער קלאָר געוואָרן אז אזוי וועט איר אים שוין תמיד דארפן רופן, ווייל אזוי טראָגט ער אים, אָט דעם נאָמען זיינעם, שוין א קיימאָ־לן פון זיבן־אַבט־און צוואנציק יאָר.

דערפאר אָבער איז דער יינגערער, בן־ציון געווען גאָר א להכעיסדיקער און אויך זיין נאָמען — גישט קיין נאָמען, נאָר א שפּיצל.

אן איינגעשפּארטער איז ער געווען, בן־ציון, א מסוכנער, וויפל גבריאל זאָל נישט געווען וואקסן הויך, אין שטויבער אריין, וואקסט ער נאָך העכער. זיך ניט געלאָזט אויף קיין האָר. איז יענער געווען טונקל־ברוין מיט העל־בלויע אויגן, האָט ער אים דערלאנגט „זדאטשע״. נא דיר, הייסט עס, בין איך דווקא רויט, מיט אָן א שיעור זומער־שפּרענקעלעך אויפן ברייטן פּנים, כּאָטש אין דרו־יסן הייבט שוין אָן באלד צו פרירן.

ווער ס׳האָט זיך מיט אים באקענט, מיט בן־ציונען, האָט תיכף געמוזט א הייב טאָן מיט די אקסל:

— אזא הויכע״, קיין עין-הרע, און אזא קורצער נאָמען.

„בען“ האָט ער געהייסן.

איי וואָלטן די לצנים פונעם ארבעטער-ישוב געווען בעלנים ער זאָל שוין אמאָל חתונה האָבן מיטן גראָבן, נידעריקן מיידל, וואָס ארבעט אין סקלאַד פון ארבעטער-גאָרקיד און אלע רופן זי „דאָס פעסל“. ס'איז פשוט אן עבירה, עס זאָל פארלוירן גיין אזא טייער, אלט ווערטל, ווי „דער קורצער פרייטיק און דער שבת הגדול“... לאָזט זיך אָבער אויס, אז מער פון אָפפירן זי אהיים אויף „זיין“ מאשין, מיט וועלכער ער פירט שוין חדשים לאנג פראָדוקטן פאר דער גאָרקיד, מער פון דעם איז עס נישט געגאנגען.

ווען איינמאָל אין אן אויפדערנאכט, אין דער ארבעטער-צוזאמענוויינונג, שוין ליגנדיק אויף די שכנותדיקע בעטלעך, פון וועלכע צוויי פאָר נאקעטע פיס האָבן ארויסגעשטארצט פון יענער זייט פאָרענטשע, האָט בן-ציון פלוצעם, גלייך ער וויל זיך פארענטפערן, וואָס ער כאפט אים אויס די רייד, א זאָג געטאָן גבריאלן: „מע דארף שוין, גאָורי, א טרא ט טאָן חתונה האָבן“, — האָט יענער שוין סיוולי געוווסט, אז מיט דער נידעריקער, דער גראָבער, מיטן „פעסל“ איז שוין אלץ געענדיקט. די רייד גייט וועגן א הויכער, א פולער, מיט פארבן אין די באקן, מיט דעם יט פוילישע ווערטער אין קליינעם מיילעכל, מיט א כתב, א „פאָטשערעק“, אזוינס ווי אזעלכס; בערטיושו — האָט מען זי גערופן.

צוויי ברידער זיינען זיי געווען. ביידע לאנגע, הויכוואקסיקע, ביידע ביז אונטער דער סטעליע, דער עלטערער, גאָוריש, איז דאָ געוואָרן אן עלעקטרי־קער. רעמאָנט — איז רעמאָנט, און נייע מאָטאָרן — ווענען נייע מאָטאָרן, און דער עיקר לעמפלעך. פולע קעשענעס טיט לעמפלעך. איבערגעבערענט איינס, איז אויסגעשטרעקט די האנט, — און דאָס העכסטע לעמפל איז שוין ביי אים אין דער דלאָניע. בטבע, נוצט ער נישט קיין לייטער, גאָוריש. ער האלט ניט דערפון, שייך ניט האלטן, ער האָט פיינט א לייטער בתכלית השנאָה.

ס'א סבראָ, אז די שנאָה זיינע שטאמט דערפון, וואָס אויף דער פאבריק האָט אָנגעהויבן ארומגיין א מאָדנע רעטעניש. „וואָס אזוינס איז א וואָלקן-קראַ־צער?“ — האָט מען געפרעגט, און די תשובה איז געווען א קלאָרע:

— גאָוריש אויף א לייטער.

הקיצור, ער קאָן זיך ווי-ס'ניט-איז פארגינען פיינט צו האָבן א לייטער און פיינט האָט ער אייגנטלעך, א סך זאכן. אָט האָט ער למשל, זייער ניט ליב צו האָבן די קלענסטע אווארִיע אויף זיין וואכטע, און אז א וועבשטיל זאָל זיך אָפּשטעלן אין זיין וואכטע צוליב דער עלעקטראָ־ענערגיע, — איז אים אויך ניט

שטאַרק צום הארצן. און דער עיקר האָט ער פיינט חשלות, פיינט, אז לעבן די וועבשטולן איז פינצטער.

דערפאַר הפנים, האָט מען אים ליב. ליב, וואָס ליב הייסט. אויף דער פאַבריק, אין צעך, אין צוזאַמענוווינונג — אומעטום: גאַווריש, גאַווריש.

בעלי־קנאה זאָגן אפילו, ס'איז דערפאַר, וואָס ער איז העכער פון יעדן, ער זעט זיך ארויס, זאָגט מען, ער וואַרפט זיך פאַר די אויגן".

ס'איז אָבער די שאלה: הלמאי דער ייִנגערער, בן־ציון, בען? יענער איז דאָך נאָך העכער. האָבן לצנים א פאַרטיקן תירוץ: „יענעם זעט מען ניט ארויס. ער זיצט תמיד" אָדער אין דער מאַשין זיצט ער, אָדער, להבדיל ביי דער קאַסע פון דער גאַרקיך.

ער איז א שאָפער, בן־ציון, און בערטיושו, טיושו, הייסט עס, איז קאַ־סירערן אין גאַרקיך.

א — פיינע „סטאָלאָווקע", זאָגט בן, — ריין — א מחיה, און געשמאַק־מלא־טעם.

ער איז אויסן מיט דעם צו כאַפּן צוויי האָזן. קודם־כל קומט ביי אים אויס, אז די מעלות פון דער גאַרקיך זענען שוין במילא חל אויך אויף דער קאַסירערן, אויף בערטיושן, און צווייטנס, איז עס שוין אויך אן אָנצוהערעניש גבריאלן, אז: „האָב קיין פאַריבל, עלטערער ברודער מיינער, ווערסט ביי מיר מיט מזל און ברכה א שוואָגער ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר"...

ער האָט פיינט צו טרייבן קאַטאָוועס, בן־ציון. געזאָגט — איז געטאָן. יעדן זונטיק, ער וויל יאָ, ער וויל ניט — אז ער איז נאָר פריי איז ער שוין פון פריער א פאַרבעטענער, גאַווריש, א „באַשטעלטער" גאַסט אויף מיטיק צו דעם יונגן פּאָרפאָלק. א„ צער בעלי־חיים, נעבעך, — טראַכט גבריאל יעדעס מאָל, ווען ער טרעט אריבער דעם ברודערס שוועל, — א גאָטס רחמנות אויפן לשון, א ווייבל מיט אזא קליין מיילעכל זאָל אוועק הרגענען אזא שיינע פוי־לישע שפּראַך"....

ער וואָלט איר שוין, דער שוועגערן זיינער, אפשר אפילו מוחל געווען דעם גאַנצן מבול מיט רייד, ווען זי זאָל כאָטש ניט זיין אזוי צעקריגט מיט דער גראַמאַטיק.

— ווערטער זענען דאָך ווי לעבעדיקע נפשות. צוליב וואָס ארויסברעג־גען אזויפיל קאַליקעס "...

ער האָט ניט אויסגעהאַלטן, גבריאל, פאַרפאַלן — ארויסגעפלויגן. צוריק וועסטו שוין ניט כאַפּן. ער האָט סיי ווי ניט באַוויזן צו ענדיקן, בערטיושו האָט זיך אזוי פאַרכלינעט, אז א ביסן איז איר אזש אריין אין דער לינקער כלי:

— פּיטש האָט זי זיך אָנגעהויבן צו וואָרגן. — פּיטש!

גיי פאַרענטפער א מעשה, אז פון תמיד אָן איז ער גראָד אויף דעם גאָר א קלײנער באַלמעלאָכע.

— ... ער האָט, חלילה, ניט געהאַט בדעה זי צו באַליידיקן, בערטיושון חלילה, ניט געוואָלט זאָגן, אז זי איז אַן עם-הארץ — פּרוּווט ער פונדעסטוועגן זיך אַרויסצוראַטעווען און פּילט, אז ער זינקט מיט זיין גאַנצער לענג אין א טיפקייט און אז פון דאָרטן וועט מען אים שוין קאָנען אַרויסשלעפּן נאָר ביי די אויערן — ער האָט חלילה, ניט געמיינט צו זאָגן, אז זי איז אַן עם־הארץ, נאָר סע מאַכט זיך, מע איז ניט אַזוי שוה בשוה מיט דער גראַמאַטיק. דער זיכרון איז דאָך ניט ביי מענטשן אין די הענט. אָט למשל, רעדט זי שוין, דאַכט זיך, א ווילן רוסיש, טיושו, און צוריקגערעדט, ער קאָן פאַר־לייגן עפּעס בעסערס, גבריאל, יידיש קאָן זי דאָך מן-הסתם אודאי נישט שלעכט. איז וואָס זשע וואָלט געווען אַשטייגער... מע זאָל ריידן אויף פּשוט מאַמע לשון און פּטור אַן עסק.

אַזוי האָט ער געפּרוּווט מאַכן בעסער, און ס׳האָט זיך באַקומען שלים־שלימער.

רוסיש, — א גאַנצע „שפּראַך־קאָנפערענץ“ האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין טיושום קליין מיילעכל. און פּלוצעם, מיטאַמאָל האָט זיך דער גאַנצער מבול אָפּגעשטעלט, ווי מיט דער האַנט. די רויטקייט פון אירע באַקן איז געוואָרן נאָך רויטער. אָט שלינגט זי זיי ביידע איין מיט אירע שפּילקע־אייגעלעך אין זייער גאַנצער לענג, אַזוי ווי זיי שטייען און גייען. בן־ציונס געדיכטע געלע ברעמען ווערן וואָס אַמאָל געלער און צעשויבערטער.

— וואָס? וואָס האָט ער געזאָגט? בען, וואָס האָט ער געזאָגט, גאַוורישׂ?

פונעם שמועס איז זי הפנים געוויער געוואָרן, אז די צוויי ברידערלעך האָבן באַשלאָסן שוין גאָר לאַנג, אז נאָך דער מלחמה בלייבן זיי היגע סאָוועטישע תושבים.

„סע דאַרף זיין גאַווורישעס קעפּעלע, בן-ציון וועט אָזוינס ניט איינפאַלן...

„דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט איר א שטאַרקן ביס געטאָן אין מוחל.

אויף וואָס פאַר א שפּראַך זי האָט דעמלט גערעדט, טיושו. איז שווער צו פאַרשטיין. ס׳האָט אויסגעזען, גלייך איר גאַנץ מאַמע־לשון האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איין-איינציק וואָרט. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעקייקלט פון איר קלייל מיילעכל, צוריקגצשפּרונגען, ווידער אַרויסגעפלויגן און אַלעמאָל אויסגעשאָסן ווי א פייל פון בויגן.

אַפּציִע? האָט זי געשריגן ניט מיט איר קול, וואָס אַמאָל אויסגעצויגענער, לענגער, גלייך ס׳איז איר א שאָד, וואָס ס׳איז אזא קורץ וואָרט און עס קאָן זיך מער ניט אויסציִען, — אַפּ-צי-ע... אַפּ־צי-ע...

דאָס האָט זי, הייסט עס, געוואָלט וויסן, שוין אויפן אָרט, צי האָבן זיי באמת, אָט די צוויי „בראַטאַקן", זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּוילישער „אַפּציע" און אָנגענומען סאָוועטישע בירגערשאַפט.

— זיך אָפּגעזאָגט, אָפּגעזאָגט, — האָט גאָוריש געציילט יעדער וואָרט, גלייך ער קלאַפּט מיט א העמערל איבער איר שאַרף צינגל — סאָוועטישע בירגער, סאָוועטישע...

ניט טיושו און ניט בן-ציון האָבן שוין הפּנים נישט באַמערקט, ווען גבריאל איז אויסגעוועפּן די צייט.

עטלעכע טעג דורכאַנאַנד האָט דער קלאַפּ פון די מאָטאָרן ניט אויפגעהערט האַקן גאָורישן אין קאָפּ איין קליינינקע, דריבניקע צוועקעלע: אַפּציע, אַפּ־ציע, אַפּציע...

ער האָט געוווּסט ווויל, דער ברודער זיינער וועט שוין אזוי גיך פון איר מיילעכל זיך ניט ארויסדרייען.

און בן־ציון, דער איינגעשפּאַרטער בן־ציון, האָט זיך טאַקע נעבעך גע־ראַנגלט ווי א העלד. בערטיושו האָט אים געהאַלטן אין איין באַקוקן פון אַלע זייטן:

— ס׳איז איר בענטשיו, צי סע האָט אים איר עמעצער פאַרביטן?

וואָס א רגע איז זי געוואָרן נאָך רויטער, אָנגעדראָלענער. איר אויסזען: גלייך מע האָט דורכגעלאָזט דורך איר קערפּער אַן עלעקטרישן שטראָם. ריר זי אָן מיט א נאָדל, מיט א וואָרט — וועלן פליען. פונקען.

בן-ציון רעדט אָבער שטיל, פּאַמעלעך, אזוי פאַרזיכטיק, גלייך ער שאַרט הייסע גליענדיקע קוילן מיט די הוילע הענט.

— וואָס איז דאָס לויפעניש, און וואָס איז דאָס איילעניש אז פון אייגענע אין דאָרט סיי ווי קיינער ניט געבליבן. און דאָ... קיין עין-הרע אזויפיל אין הארצן איינגעבאַקענע... זי געדענקט דאָך נאָך, טיושו, אליין, ווען ס׳איז גע־ווען כמעט א פּוסטער, ליידיקער פּלאַץ. ער איז דאָך געדעכט, גאָוריש, א שפּילעכל, אזעלכע פיר יאָר! מע איז דאָך דאָ אויסגעוואַקסן איניינעם מיטן קאָמבינאַט. ער געדענקט אפילו דעם טאָג, ווען מע האָט אים דאָס ערשטע מאָל פאַרטרויט דעם רודער פון זיין מאַשין, פון זיין „דרייטאָנקעלע". היינט גאָ־וריש — א פאַכמאַן איז ער דאָ געוואָרן, אַן אָנגעזעענער מענטש...

אײגנטלעך האָט ער געהאַט בדעה ארויסצולייגן נאָר דאָס, וואָס, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי אים אויפן הארץ. נאָר ריידנדיק אזוי, האָט זיך פארייגוועגס שוין ארייגגעגנבעט אויך אזוינס, וואָס גבריאל האָט זיך נאָך אמאָל, אין דער צוזאַמענוווינונג, אין די ווינטער־נעכט, איינגעשמועסט מיט זיינע פוילישע חברים. און ס׳איז שווער געווען נאָר דער אָנהייב, ווייטער איז עס געגאנגען ווי אויף רעדער. דער געדאנק האָט געארבעט גיך־גיך. די ווערטער זענען ארויסגעקומען אפשר ניט אזוינע צוגעפיילטע ווי ביים ברודער, נאָר דערפאר הוילע, קלאָרע, ווי אויף דער דלאָניע:

— ער וואָלט דען ניט געוואָלט זיין אין וולאָצלאַוועק, בען, א קוק טאָן, וואָס איז געוואָרן פון פוילן, צולייגן טאקע דאָרט א פלייצע, אויב מע וועט דארפן. נאָר ער פארשטייט איר טומל ניט, וואָס איז דאָס יאָגעניש, דאָס פליעניש... וואָס זיינען זיי דאָ געסט, קאָמעניקעס!... ס׳איז דאָך שוין קיין עין־הרע דאָס פינפטע יערעלע. און... חוץ דעם, ער וועט איר זאָגן דעם אמת, בערטיושון, ער פילט זיך דאָ עפּעס אינגאנצן ווי א תושב, אפילו מיט דער מאשין מיט זיינער, מיטן „דרייטאָנקעלע“, איז אים שוין אויך גאָר נישט אזוי לייכט צו צעשיידן... א ווערטעלע, צוויי יאָר טאָג אויף טאָג, ער קען זי דאָך ווי אן אייגענע. כמעט אזויפיל, וויפל ער קען זי... טיושון...

דער בלאָטער האָט געפּלאַצט, געפלאצט נישט אויף קאַטאָוועס.

— איז זאָל ער געווען חתונה האָבן מיט דער...

מער האָט זי גאָרנישט געזאָגט, בערטיושו. אזוי א טאָג, אזוי צוויי, אזוי דריי. איר שטעלט זיך פאָר א שטילקייט פאר א שטורעם?

און בען, דער הויכער, לאנגער בען, האָט זיך געמוזט איינבייגן. איינבייגן די פלייצע און זיך נעמען פאקעווען, גרייט אין וועג אריין.

א גאנצן טאָג פארן איבערגעבן די מאשין האָט זי בען נישט אויפגעהערט צו וואשן און צו פוצן.

פאר די צוויי יאָר — האָט ער געזאָגט דעם שעף פון גאראזש, גלייך ער רעדט וועגן א א לעבעדיקער זאך, — פאר די צוויי יאָר האָט זי מיך אין די שווערסטע „וועגן“ ניט אונטערגעפירט. געדינט ווי א מאמע...

יענער האָט געשמייכלט.

— וואָס פאר א מאמע, — האָט ער זיך געוויצלט, — א מאשין איז ווי א ווייב, מע דארף קענען באצייטנס אלע אירע קאפריזן...

ער האָט געטראָפן אין קארב אריין, דער שעף, גלייך ער זאָל געווען צולייגן אן אויער צו בן־ציונס הארץ.

— און ווער זעצט זיך מארגן אוועק אַט דאָ? — האָט בען אַ פרעג געטאָן אַנווייזנדיק אויפן רודער פון דער מאַשין, און האָט דערפילט פּלוצעם אַ לייכטן ציטער אין זיין שטים.

— ניט געזאָרגט, — האָט דער שעף פון גאַראַזש ניט אויפגעהערט זיך צו ווערטלען, — קיין עגונה וועט זי ביי אונדז ניט פאַרבלייבן. מאָרגן פרי גיבן מיר זי אויס פאַר אַ צווייטן...

ער האָט זיך עס גאַרניט פאַרגעשטעלט, בן-ציון. די טעג, וואָס ער האָט זיך אַרומגעדרייט בטל, ביזן פאַרן, האָט ער זין כּשוט קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ער האָט אויסגעזען טאַקע נאָר ווי איינער, וואָס האָט „אַרויסגעלאָזט דעם רודער פון דער האַנט".

ווי אויף צו להכעיס איז גאַווריש געווען פאַרלייגט מיט אַרבעט ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון נייעם עלעקטראָ־צעך, ניט געהאַט קיין צייט אַפילו אַריינצוקומען.

אויפן וואָקזאַל האָבן זיך צונויפגענומען בענס און בערטיושוס מיטאַרבע-טער. טיושוס קעלעכל, דער אָפּקלאַנג פון איר שאַרף געלעכטערל האָט געשניטן די וואָקזאַליקע לופט. ביידע ברידער האָבן געשפּאַנט אין דער לענג פון פּעראָן אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט אַזויפיל צו ריידן. זענען זיי גע-גאַנגען און געשוויגן.

— מע האָט היינט געבראַכט אויף רעמאָנט די דינאַמאָ פון דיין מאַשין האָט גבריאל געפרוווט איבעררייסן דאָס שווייגן.

— די דינאַמאָ פון מיין מאַשין! האָט בען אָנגעכאַפּט דעם ברודער ביי דעם אָרעם און געפילט, ווי ס'האָט אים אַ שניט געטאָן אין האַרצן. זיך אָפּ־געשטעלט די דינאַמאָ?

די געזעגעניש איז געווען ווי אַלע געזעגענישן. זיך געקושט. געהאַלדזט. דער צוג האָט געצירט. צוערשט פּאַמעלעך. דערנאָך וואָס אַמאָל גיכער, גיכער, ווייסע טיכעלעך האָבן געפלאַטערט אינדערלופטן. בערטיושו האָט, ווי ס'פירט זיך, געלאָזט אַ טרער און אַליין נישט געוווסט פאַר וואָס דער צוג האָט געשטעלט רעדער וואָס-אַמאָל גיכער, שנעלער.

אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ פונעם וואַגאָן־פענצטער, האָט בען עפּעס געש-ריגן. קיינער האָט שוין נישט געקאָנט כאַפּן פּינקטלעך דעם זין פון זיינע ווערטער.

הפנים עפּעס פאַרגעסן, — האָט געזאָגט בערטיושוס א חברטע און געזוכט מיט די אויגן גאַווירישן.

גבריאל איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער, גלייך ער זאָל אָנרירן די ערד מיט די שפּיץ פינגער. זיינע גרויסע העל־בלויע אויגן זענען געווען מסוכן צעעפנט. זיי האָבן געשלונגען די לעצטע פינטעלעך פונעם צוג, וואָס איז פאַרשוווּנדן אין וויטן האָריזאָנט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אַלץ קלאָר דעם ברודערס לעצטע ווערטער, כאָטש דער געקלאַפּ פון די רעדער האָט זיי לכתחילה אָן געהאַלטן אין זיין פאַרטויבן:

— די וויקלונגען... די וויקלונגען...

דאָס האָט ער אים עפּעס אָנגעזאָגט וועגן די וויקלונגען פון דער דינאַמאָ פון זיין מאַשין.

— הפנים, עפּעס פאַרגעסן, — האָט איבערגעחזרט טיושוס א חברטע.

צי האָט ער עפּעס פאַרגעסן, בן־ציון, ווייסט ער נישט, גאַווריש נאָר אי־בערגעלאָזט עפּעס האָט ער אויף זיכער, דער ברודער זיינער. אויף זיכער עפּעס איבערגעלאָזט...

ס'איז שוין געווען שפּעט. ווען גבריאל איז אָנגעקומען אין צעך אריין. בענס דינאַמאָ איז געשטאַנען אויפן ווערקשטעל. א יונגער עלעקטריקער האָט זיך געגרייט זי צו צענעמען. בענס דינאַמאָ האָט געקוקט צו גאַווירישן, ווי א היימישער, נאָענטער חולה. ער האָט אָנגעטאָן דעם ארבעטס־כאַלאַט און זיך אליין אוועקגעשטעלט צום ווארשטאַט.

— עפּעס האָט ער איבערגעלאָזט, בן־ציון — האָבן זיינע אייגענע ווער־טער ניט אויפגעהערט אים צו קלינגען אין די אויערן, — און עפּעס אויף זיכער אויך מיטגענומען. יאָ, אויף זיכער מיטגענומען...

זוניקער פארטאָג

שוין דעם דריטן טאָג, ווי נאָך דער ארבעט האָט זיך שמעון לוויש אָנ־געהויבן אראָפּצוכאפּן אין שטעטל אריין. דער מהלך צווישן קליינעם שטעטל און דעם נאָענטן גרויסן דאָרף איז פאר דער מלחמה שוין געווען גאָר א קליי־נער. דאָס לעצטע יאָר האָבן אים די נייע שטיבער געהאלטן אין איין קלענער מאַכן. טאקע פּשוט אויפעסן. ווי מע קוקט מיט די אויגן. סיי דאָס שטעטל סיי דאָס דאָרף האָבן „געשפּאנט“, זיך געצויגן אלץ מער איינעם צום אַנדערן אין דער לענג אריין.

דעם מהלך האָט מען שוין דעם לעצטן פּארמלחמה־פּרילינג אָנגעהויבן שאצן גאָר אין חדשים.

דער חשבון איז א קלאָרער! ס'איז א קימאַ-לן ניט מער פון א דריי חדשים.

— פּאמעלעכער, ניט געאיילט זיך. ווארפט אונטער נאָך א פּאָר וואָכן.

— נאָך א פּאָר וואָכן, נאָך א חודש, א נפקאַ-מינה. וואָס ביסטו ברוגז. מע פארבויט דיין „אימעניע“?

— הכלל. אָסיען־צייט, כלעגט עמעצער פּרווון כלומרשט א פּשרה מאכן,

— אָסיען־צייט וועט מען זיך „אָפּגעבן שלום“.

שמעונס טאטע איז פון תמיד אָן געווען א קליינער חסיד פון אָ־דעם ציען זיך „אין דער לענג אריין“.

— מילאָ און דאָרף איז קיין אנדער ברירה ניטאָ. די גערטנער לאָזן ניט גיין אין דער ברייט. אָבער דאָ אין שטעטל, עס ציט זיך אזא גאָלדענע טאָלעקע נעמט כארבויט זי ביז צום סוף טייך. וואָס דארפט איר האָבן אזא לאנגן „שיר המעלות“ וואָס?

שמעון שפּאנט ג.ינמיטן דער גאס. אמאָל זענען דאָ געווען הייזער. זיך א פיינעם רוק געטאָן דאָס שטעטל, אָבער גאנץ געבליבן זענען נאָר עטלעכע

שטיבער. גע ליבן זענען זיי על-פי-נס, ווי לעבעדיקע עדות אז אמאָל איז דאָ געווען א ישוב. געבליבן הפּנים כדי די היי־געבוירענע, צוריקגעקומענע זאָלן דעם ערשטן טאָג זיך קאָנען א חידוש טאָן: „זע נאָר גאַנץ געבליבן פּאַסעסערס שטוב זע נאָר... „געבליבן, כדי א פרעמדער דורכפאָרער זאָל קאָנען נאָכזאָגן א שבח: געווען אמאָל דאָ הפּנים א וווּיל שטעטל" און פאָרן ווייטער...

שמעון לוויש האָט זיך ערשט ניט לאַנג אומגעקערט פון דער אַרמיי, ער וווינט דערווייל אין דאָרף. אין דאָרף זענען גאַנץ געבליבן עטלעכע גאַסן. מיט א מומען א לערערקע וווינט ער דאָרט. פון אזא גרויסער משפּחה איז געבליבן נאָר די מומע דבורה. אָפט הערט ער פון דער מומען:

— שימעק, וויפל איז דער שיעור צו שפּאַנען יעדע נאַכט אין שטעטל אריין?

— שימעק, לייג זיך צו א ביסל אָפּרוען.

— שימעק...

א ליכטיקע נאַכט. א דורכזיכטיק ליכטיקע. דער בלעכענער דאַך אויף יאַנקל פּאַסעסערס גרויס הויז בלישטשעט מיט זילבערנעם אָפּשיין. ריין איז ער דער דאַך ווי נאָך א גיכן זומערדיקן רעגן. פונעם שפּיץ ביז צו די סטריכעס ציען זיך ווי אויפגעצויגענע שנירלעך די צונויפגעשטוקעוועטע ראַנדן פון די בלעכן. גאַנץ געבליבן יאַנקל פּאַסעסערס דאַך.

— א מזל פון אן עושר... — קריכט שמעונען א נארישער געדאַנק אין קאָפּ אריין.

— יאַנקל פּאַסעסערס הויזגעזינד, — דערציילט די מומע דבורה, — האָבן דייטשן דערשאָסן אינײנעם מיט שמעונס טאַטע-מאַמע, אָט־דאָ נישט ווייט פון שטעטל. לעבן גרינעם בריק. גאַנצע צוויי מעת-לעת זענען זיי דאָרט געלעגן. אין איין זייט בריקל — יאַנקל פּאַסעסער מיטן ווייב מיט דער בת-יחידה, און פון דער צווייטער זייט, שמעונס טאַטע-מאַמע, די דריטע נאַכט האָט זיי די מומע אוועקגענומען. מיט א פּויערישער פיר האָט זי זיי געפירט אויפן בית-עולם. א גאַנצע נאַכט האָט זי מיטן דאַרפס־לערער געגראָבן. צוויי קברים האָבן זיי געגראָבן. — שמעון געדענקט דעם לערער. אין איין שול מיט דער מומען האָט ער געאַרבעט. דייטשן — דערציילט די מומע דבורה, האָבן אים שפּעטער פאַרפּייניקט, ביטער פאַרפּייניקט, יענע נאַכט האָט ער זיך ביי איר געבעטן:

— דאָרט, איין קבר. דאָרט, די ערד איז געפרוירן. מירן ביז טאָג נישט באַווייזן.

דבורה האָט ארויסגערוקט דאָס פּויערישע היטל און אויפגעהויבן אויף אים א פּאָר שטרענגע אויגן.

אירע רייד האָט ער אָבער סײַווי ניט פאַרשטאַנען, זי האָט גערעדט שטיל, קוים וואָס מע האָט געהערט א וואָרט. ס'איז איר אויסגעקומען פּײַנלעך אויפ־צומישן אויפן בית עולם אַן אַלטן סכסוך איבער א בלעכענעס דאַך צווישן א שטעטלשן גביר, א יידישן פּאַסעסאָר און א באַלמעלאָכע, א יידישן בלעכער, וואָס ביידן האָבן איצט דערשאָסן דײַטשן לעבן גרינעם בריקל.

— באַוונדער, באַוונדער, — האָט זי שטיל געשעפּטשעט, זיי קערן זיך קליינע מחותנים...

די מומע דבורה, אַז זי דערציילט עס שמעונען, גיט זי עס איבער מיט אַלע פּישטשעווקעס.

ער זעצט זיך אַראָפּ, שמעון אויף אַן איבערגעבליבענער שטיק טרעפּ, דאָס בילן פון א הונט רײַסט איבער די שטילקייט. דאָס בילן דערטראָגט זיך פונעם הויף פון ראַיאָנעם שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך אין יאַנקל פּאַסעסערס גרויסער שטוב. „שמעון געדענקט נאָך, ווען מע האָט דאָס הויז געבויט. באַלמעלאָכעס האָט ער געבראַכט, יאַנקל, פון דער שטאָט. קיין איין אַרטיקן מוליער האָט ער נישט צוגעלאָזט לייגן קיין איין־איינציקן שטיין. קאַטילעצן האָט מען ביים טײַך געשניטן עקסטרא, כאָטש עס זענען געשטאַנען אַזויפיל פאַרטיק אָנגעשניטענע „קובן“.

פּסחדיקע — האָט מען זיך אין שטעטל געווערטלט, — „שמירה“ קאַטילעצן.

נאָך דעם דאַך דעקן האָט ער „געטראַוועט“ שמעונס טאַטן. געטרויט און דערנאָך אָפּגעצאַפּט פון אים קוואָרטן בלוט. און דערבײַ טאַקע דער עיקר אָפּגעריסן א שײַן ביסל „שכירות“. „די קיילעכדיקע רינוועס, — האָט ער געטענהט, — זענען אים נישט צום האַרצן, ער האָט ליב פּירעקיקע רינוועס האָט ער ליב“...

וויפל יאָר האָט דער טאַטע זײַנער ניט אָפּגעגעבן קיין גוטמאָרגן דעם פּאַסעסאָר? פיר? פינף?

שמעון וואָלט א בעלן געוועזן איצט צו זען, ווי וואַסער רינט איבערן אַן אמשופּעדיקן דאַך און פליסט אַרויס דורך די קיילעכדיקע רינוועס. א קלוגער ייד איז געווען דער טאַטע זײַנער, איצי בלעכער. ווען דאָס רעדל האָט זיך געגעבן א דריי איבער „עמך“ איז געקומען צום „פּסוק“, האָט אים יאַנקל אַריבערגעשיקט דעם נשאר־חוב פאַרן דאַך. שמעון דערמאַנט זיך מיט א באַוונדער הנאָה, ווי רויק דער פאָטער זײַנער האָט באַטראַכט די פּאָר הונדערטער און זיי צוריקגעשיקט:

— די שטוב זײַנע וועט הײַנט־מאָרגן זײַן דער שטאָטס, — האָט ער אים ערנסט באַפוילן, — הלמאַי זאָל זיך רעב יאַנקל מטריח זײַן צאָלן שטאָטישע חובות.

אין יאַנקל פּאָסעסערס שטוב איז פאר דער מלחמה טאקע געווען דער שטעטלשער שפּיטאָל. איצט איז דאָרט דער ראיאָנער שפּיטאָל. שמעון זיצט אויף אַ צעבראָכענער טרעפּ מיט צוגעמאכטע אויגן. אַ קליין שטעטעלע, דאכט זיך, וואָס — אַ גאָרנישט. האָט זיך דווקא דאָ אַ יידן אַן עושר פארגלוסט אַ־מאָל פירעקיקע רינוועס.

אַ מאָדנע זאַך, אַ מסוכן מאָדנע. ע גייט אין אַ דייטשיש אָפּגעברענט שטעטל זענען כמעט פון אלע איבערגעבליבענע שטיבלעך גראָפּגיעהאָנגען שטיקלעך פירעקיקע רינוועס. שמעון דערמאנט זיך, אַז פאַר אזויפיל יאָרן איז אים דאָרט דאָס ערשטע מאָל געקומען אויפן געדאנק ווידעראַמאָל — יאַנקל פּאָסע־סעס נאָמען.

פיינע צוועקעס קלאפּט אריין די צייט. מיט קיין שום אָפּצוועגעס וועסטו זיי נישט ארויסציען.

איי, די מומע דבורה, „זאָגט חלומות“ איז געקומען צום סך־הכל, אַז פון דער מלחמה איז מען ארויס נאקעט, אָדם־נאקעט!

זאָגט זי מחילה אַ ליגן, די מומע דבורה, אַ גראָבן ליגן. דאָס לעבן, זאָגט זי, הייבט זיך אָן פון היינט, דאָס איבעריקע האָט די מלחמה אָפּגעווישט, ארויס־געריסן מיטן וואָרצל.

ער שמייכלט, שמעון, ער טענהט זיך אין געדאנק אויס מיט דער מומען מיט זיינער. אָט־דאָ, אויף דער צעבראָכענער טרעפּ, טענהט ער זיך מיט איר אויס, און זי איז איצט מן־הסתם אויף די אָוונט־קורסן. יעדן אויפדערנאכט לערנט זי אין דאָרף מיט אלטע פויערים דעם אלעף־בית. ניסים דערציילט זי זיך אָן פון אירע אלטע תלמידים...

זי זאָגט אַ ליגן, די מומע דבורה. זי ווייסט אליין וויל, אַז דאָס לעבן הייבט זיך אָן פון נעכטן, פון אייערנעכטן. אָן איינגעשפּארטע איז זי, אַ מסוכן איינגעשפּארטע. נו, און ער, שמעון אליין, בנחילה איז דען נישט קיין איינ־געשפּאַרטער? אָט זעט ער די גאנצע צייט, אשטייגער, אַז אין יענעם עקסטן פענצטערל פון ראיאָנעם שפּיטאָל איז ליכטיק. ער ווייסט דען נישט, אַז אין יע־נעם צימערל געפינט זיך כאיוניע? פארוואָס האָט ער זיך נישט אוועקגעזעצט, למשל, אָפּרוען אויף אַן אנדער טרעפּ? ווייניק טרעפּלעך זענען געבליבן דאָ אין שטעטל. ניין, ער האָט זיך אוועקגעזעצט טאקע נאָר דאָ, טאקע אקעגן איר פענ־צטערל. איז ווען זשע פירט ער פאר דער נאָז? זיך אוועקגעזעצט אקעגן כא־יוניעס פענצטערל און פירט אַ שמועס מיט דער מוטער. אַ יינגעלע צו וואָס? ער האלט דאָך שוין באלד ביי די צוויי מיט אַ האלבן צענדליק...

יאָ, ביי כאַיוניען אין צימערל איז ליכטיק, אליין וווינט זי דאָרט, פון איר גאַנצן הויזגעזינד — איינע אליין. אלס שוועסטער איז זי ביז בערלין דער־גאַנגען.

ער קלאַפּט אָן אין פענצטער. א שטאַרקער קלאַפּ. ער גיט נאָך איינעם, א שוואַכערן. אזוי שטיל, הייסט עס, האָט ער אייגנטלעך געדאַרפט אָנקלאַפּן פון אָנהייב אָן.

— קום אריין, שימעק, קום אריין.

אין דרויסן איז א שיינע נאַכט, כאַיוניע, א וווּנדערלעך שיינע.

יאָ, א שיינע נאַכט טאַקע אין דרויסן. ס'איז קילבלעך. אָנהייב הארבסט. כאַיוניע גייט מיטן שינעל ארויפגעוואָרפן לייכט אויף די אַקסל. געשווירן איז זי קורץ, כמעט יינגליש. אזוי אייגנטלעך איז זי געווען געשווירן פאַר דער מלחמה.

— כאַיוניע, די מומע דבורה זאָגט, אז די מלחמה... דאָס לעבן...

— וואָס זאָגט זי?

כאַיוניע טוט אויפגיך אָן דעם שינעל, מיטאַכאָל גיט זי א קריך אריין מיט די הענט אין ביידע ארבל. שימעקן דאַכט זיך, אז אים אליין איז אויך גע־וואָרן עפּעס ווארעמער.

אָדם־נאַקעט, זאָגט דיין מומע, אין אזא שינעל אָדם־נאַקעט?

זי לאַכט, כאַיוניע, ניט מיטן מויל, ניט מיט די ציין, אַשטייגער, ווי ער שימעק, — מיט די אויגן לאַכט זי. נאָר מיט די אויגן. כאָטש דער בליק אירער איז א ביסל שאַרפער געוואָרן, זענען עס די זעלביקע אויגן, וואָס פאַר דער מלחמה. סע זאָל זיי פעלן א האָר. מיט אָט די שמייכלענדיקע אויגן פלעגט זי אמאָל גיין שפּאַצירן מיט אים, מיט ליזען, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— כאַיוניע, לאָמיר ארויסגיין א ביסל אויף דער טאָלעקע. געדענקסט כאַיוניע, די טאָלעקע?

זיי קומען אויס לעבן די רויזמאַנס שטוב.

— מע וואָלט באַדאַרפט א רוף טאָן ליזע רויזמאַן, — זאָגט כאַיוניע, — זי פלעגט אזוי ליב האָבן פאַרנאַכט צו ארויסגיין שפּאַצירן אויף דער טאָלעקע...

בלישטשענדיקע שטערנדלעך האָבן א פונקל געטאָן אין כאַיוניעס שיינע אויגן.

כאַיוניע...

די פאָדערשטע וואַנט ביי די רויזמאַנס איז טאַקע גאַנץ געבליבן, ניט גע-רירט. אויך דאָס הילצערנע גאַנעקל. אָט דאָ אויפן גאַנעקל פלעגט מען אָנקלאַפן אין פענצטערל ליזען.

— שימעק, ווייסט, זי האָט שטאַרק געהאַלטן פון דיר, ליזע...

— פון מיר?

יאָ, ער ווייסט. שימעק, כאַיוניע קער עס אויך געדענקען, מע פלעגט זיך טאַקע ווערטלען אין שטעטל: „ליזע ציט אַן אַקסל צו שימעקן, און שימעק.. צו כאַיוניען"...

די לאַנקע אַרום שטעטל איז גלאַט ווי אויף דער דלאָניע. זי ציט זיך אַוועק אַזוי ביזן טייך. שימעק וואָלט אַ בעלן געווען אַוועקצושפּאַנען איצט אַזוי מיט כאַיוניען טאַקע ביסקל אַהינצו, טאַקע ביז צו דער וואַסערמיל.

דאָרט ביי דער וואַסערמיל אַרבעט שימעק. פון זינט ער האָט זיך אומגע-קערט פון דער אַרמיי. איינגיכן וועט זיך שוין ווידער אָנהויבן דרייען די גרוי-סע מיל-ראָד. אַמאָל האָט דאָרט געאַרבעט כאַיוניעס פאָטער, אויך דער אַלטער רויזמאַן. יאַנקל פּאָסעסערס וואַסערמיל איז עס געווען. כאַיוניע מיט ליזען פלעגן אָפט גיין אַהין עסן טראָגן די טאַטעס.

— ווען לאָזט מען די מיל, שימעק?

— נאָך דאָ גענוג אַרבעט, — זאָגט שימעק — דעם גאַנצן אָנשיט האָבן זיי אונטערגעריסן. אַ נייע הרעבליע דאַרף מען איצט מאַכן. פאַריינוועגס פאַר-גרעסערט מען שוין אויך דעם פּלאַץ אַרום דער מיל. מיזאָל קאָנען פאַרבויען...

כאַיונע ווייסט שוין: האָט זי נאָר פאַרטשעפּעט מיט דער מיל, — איז אַבי געזונט. שוין ניט געפילט אפילו, ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַזאַ שטיק וועג. אָט איז דאָס גרינע בריקל מיט די ברייטע שטיינערנע פּאָרענטשעס, נידע-ריקע, גלייך ווי געמאַכט, אייגנטלעך, כדי מע זאָל זיך קאָנען דאָ צוזעצן אָפּ-רוען. אַמאָל פלעגן דאָ זיצן פאַרלעך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

— אָט דאָ — פרעגט כאַיוניע, — א-דאָ-אָ?

הפּנים די מומע דבורה האָט איר דערציילט. צי גאָר עמעצער פון די שפּיטאָל-מענטשן.

דאָס וואַסער אונטערן בריק פליסט פּאַמעלעך, רויק. קוים וואָס עס רינט אָט-אָט שטעלט זיך עס אָפּ אינגאַנצן. עטלעכע זשאַבעס קוואַקען. טאַקע נאָר עטלעכע.

— דאָ-אָ. — ווייזט שימעק, — אָט פון יענער זייט — דער טאַטע מיט דער מאַמען...

זיי שטייען לעבן דער צעבראָכענער פּאָרענטשע פון בריקל.

— זעסט, שימעק, אָט ליגן דאָרט אונטן די אראָפּגעוואָרפענע שטיינער. לאָמיר מאָרגן אויפדערנאָכט פארי.טן די פּאָרענטשע. א שאָד די פּאָרענטשע, שימעק.

זי איז געדערכט, לאיוניע, אָט ליגן טאקע אונטן די שטיינער. נאָר צוליב וואָס מאָרגן? שימעק איז טאקע שוין אונטן ביים וואסער. לאיוניע ווארפט אראָפּ פון זיך דעם שינעל. זיי טראָגןביידע אראָפּ די שטיינער. אייניקע קאָטילעצן האָבן נאָך פאַרהיט אויף זיך דעם גרין-געפארבטן טינק. זיי לייגן אויס די שטיי-נער „אויף טרוקענעם". א גרויסע לבנה קוקט אראָפּ אין טייכל אריין. קוקט אריין זיי ביידע, שימעקן און לאיוניען, אין די אויגן אריין. צי האָט די זעל-ביקע לבנה ארייגעקוקט אויך אין די אויגן פון שי.עקס טאַטע-מאַמע, ווען זיי זענען דאָ צוויי מעת-לעת געלעגן דערשאָסענע אין יענער זייט בריקל?

— די מומע דבורה דערציילט...

לאיוניע שווייגט. זיי זענען שוין ווידער אויפן פעלד, שימעק רעדט שוין ווידער וועגן דער מיל.

— איבערמאָרגן אָרגאַניזירט דער ראַיקאָם דעם לעצטן ארבעטס-זונטיק. פון די ארומיקע דערפער וועלן קומען מענטשן מיט פורלעך ארויסצוועדיקן די הרעבליע. ס'וואָלט געווען גוט, ווען דו זאָלסט אויך קומען זונטיק... וואָלטן מיר אן ארבעט געטאָן אינאיינעם... מיר זענען דאָך די ערשטע דאָ אין שטעטל.

די גרויסע קיילעכדיקע לבנה גייט זיי נאָך פוס-טריט זי שטעלט זיך אָפּ איבערן בלעכענעם דאָך פון ראַיאָנעם שפּיטאָל. דער דאָך בלישטשעט מיט זיל-בערנעם אָפּשיין. ריין איז ער ווי נאָך א גיכן זומערדיקן רעגן.

אין דער האַלב-ליכטיקייט פון שפּעטער נאַכט זעט אויס די חרובע גאַס לענגער, ברייטער ווי געוויינלעך. אָט דאָ איז, הפּנים געשטאַנען דעם זיידנס הויז. ניין, לאיוניעס שטוב איז דאָ געשטאַנען.

די נאַכט איז א לויטערע, די שטערן הענגען אזוי נידעריק איבערן קאָפּ פון די חורבות העגגען זיי. אָט באַלד וועלן זיי א פאַל טאָן און זיך צעשיטן אויף פּיץ-פּיצלעך. אויף קליינע, פינקלענדיקע שפּליטערלעך. נאָר אין מזרח-זייט ביים האָריזאָנט באווייזט זיך אַלע אָל אַן אנדער געמעל, ב פּאַרבט טונקל-בלוי, העל-ברוין ביימער, וועלדער.

— שימעק, פאַרוואָס זענען אין שטעטל אַלע יאָרן געווען אזוי ווייניק ביימער?

די לבנה גייט זיך רויק אין וועג. די שטערן פאַלן נישט אראָפּ, צעשיטן זיך ניט אויף פּיץ-פּיצלעך.

שימעק מיט כאוניען גייען אַנגענומען ביי די הענט. ווי קליינע קינדער הוידען זיי מיט די צונויפגעשלאָסענע פינגער הין און הער. אמאָל איז דאָ געשטאַנען די זעג-מיל. לענגאויס דעם פלויט פלעגן דאָ תמיד ליגן לאַנגע, דיקע סלופעס. נאַכט־ביי־נאַכט איז יונגוואַרג דאָ געזעסן פאַרלעכווייז, גרופעסווייז און פאַרצויגן היימישע לידער:

נאַכט איז אין שטעטל, איך ליג אויפן גאַנעק.
ווער דאַרף איצט דער מאַמעס געלעגער,
איז וואָס, אז ס'איז איינס, איז וואָס, אז ס'איז צוויי,
איז וואָס, אז ס'איז דריי שוין דער זייגער?

זיי זענען געגאַנגען צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, געפילט איינער דעם צווייטנס אָטעם. שימעק האָט געזונגען וואָס אמאָל שטילער, און זיין שטים האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן ארום. ס'האָט זיך געקאָנט דאכטן אז דאָס גאַנצע שטעטל, די חורבות, די נאַכט הערן זיך איין אין באַקאַנטן געזאַנג און כאַפן זיך אויף פון א טיפן שלאָף.

...אוי האָב איך ליב, ווען מע בויט
און ס'לייגט זיך דאַן באַלקן צו באַלקן
ווען איך זע א צעבראָכענעם פלויט,
רוקט זיך אויף מיין קאָפּ אָן א וואָלקן,
ווער האָט עס אין שטעטל נישט געקענט די דאָזיקע לידער?

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט ער איז אהיים געקומען פון דער ארמיי, האָט שימעק זיך אזוי צעזונגען דאָ אין שטעטל אויף א קול און דערפילט, אז ס'האָבן פון אים ווי אמאָל א שפּאַר געטאָן אָן א שיעור געזאַנגען.

דער הימל ווערט וואָס אמאָל לויטערער, דורכזיכטיקער, פון ווייטן, שבּנותדיקן דאָרף דערגייט שוין דער עכאָ פון העגער-געקריי.

כאַוניעס אויער זאַפּט איין אין זיך די קלאַנגען פון שימעקס ליד, און דער בליק אירער איז אלץ צוגעקלאַמערט צו דעם וואונדערלעכן געמעל אויפן הימל-זוים: ביימער, וועלדער. ניין, געדיכטע גרינע גערטנער וואַקסן דאָרט אלעמאָל אויס און פאַרשווינדן.

— ביז עס וועלן אַהייבן קומען מענטשן אין שטעטל אריין, לאָמיר, שימעק, דערוויילע אין די אויפדערנאַכטן נאָך דער אַרבעט פאַרזעצן ביימלעך אקעגן יעדער שטוב.., זעסט דאָס געמעל דאָרט ביים הימל-זוים... שימעק?

די ערד איז הע ל-באַלויכטן נאָר ווי אין א זומערדיקן טאָג. שימעק קוקט צום האָריזאָנט, און אין געדאַנק הייבט אָן פּלוצעם ווידער זיך באַמבלען דעם פּאַטערס אמאָליקע רייד:

„צו וואָס דאַרף מען האָבן אַזא לאַנגן „שיר-המעלות" צו וואָס? עס ציט זיך אַזא גאָלדענע טאָלעקע, נעמט פאַרבויט זי ביז צום טייך„...

אין מזרח-זייט האָט זיך אָנגעצונדן אַ גרויס שטיק הימל. די זון רוקט זיך אַרויס פּאַמעלעך פון צווישן די פייערן — אַ גיין-גאָלדענע, אַ ציכטיקע, אָן אַ שפּרענקעלע. אַ נאָרוואָס געבוירענע וואָרט זי, הפּנים, אַז שימעק מיט כאַיוניען, די ערשטע צוריק-געקומענע אין שטעטל אַריין, זאָלן איר אָפּגעבן, פאַר אַזויפיל שווערע יאָרן, ווידעראַמאָל אַ היימישן „גוטמאָרגן" און איר ווינטשן אַ „גוטן אויפשטאַנד".

ווער קאָן אָפּרייסן דעם בליק פון אַזא גרויסער, אויפגייענדיקער נאָרוואָס געבוירענער זין?

די חורבות זענען פאַרפּלייצט מיט טויזנטער שטראַלן, די זון רוקט זיך וואָס אַמאָל נעענטער, אָט באַלד וועט זי היימישלעך אַזוי אַ פרעג טאָן ביי כאַ-יוניען און שימעקן:

— נו, ס'איז גוט צו זען ביי זיך אין דער היים, ווי עס ווערט געבוירן אַזא פאַרטאָג?

דער הימל איז דורכזיכטיק בלוי, די אָפּשיין אַרום דער בלענדיקער זון-ראָד צעשפּילט זיך מיט אָן אַ שיעור פאַרבן.

יאָ, הפּנים שוין לאַנג טאַקע ניט געווען דאָ אַזא שיינער זוניקער פאַרטאָג.

באגעגעניש

געשען איז עס איז מיטן ווינטער, אָנהייב פעברואר, ניינצן זעקס און פערציק ...סאשע קאמאראָוו איז געזעסן אין וואגאָן-קופע אָנגעשפּארט מיטביידע עלנבויגנס אויפן טישל און האָט געהאלטן אין איין קוקן אין פענצטער אריין. דער שכן זיינער ליגט און שלאָפט רואיק און ער, סאשע האָט נאָך פון מאָסקווע אָן ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג. אויף די וואָקזאלן קויפט ער ראיאָנע און געגנטלעכע צייטונגען. צום אלעמערשטן כאפט ער ארויס פונעם טעקסט די נעמען פון מענטשן. ער שרייבט זיי אויס אויפן ראנד פון א בלאט און זיצט נאָכדעם שעהן לאנג און לייענט זיי ווידעראמאָל און אָבער א מאָל. ער וויל זיך אלץ דערמאנען. צו זענען עס נישט קיין מענטשן פון זיין טייל, צי גאָר אייגענע באקאנטע.

ווען ער איז אין שפּיטאָל געקומען דאָס ערשטע מאָל ווידער צום באַ־ ווסטזיין, האָט ער גלייך אָנגעהויבן אויפצושטעלן אין זיכרון די איינצלהייטן פון יענער נאכט ווען ער האָט, זייענדיק אין אויסשפּיר אומגעריכט א שפּרונג געטאָן אין שונאס בלינדאזש.

ער געדענקט גוט. אז ער האָט אומגעבראכט זעקס דייטשן. אָבער וואָס איז דאן געוואָרן מיט זיינע פיר חברים, וועלכע האָבן שוין געהאט פארכאפּט א וויכטיקע „צונגז“ ...צי איז זיי דאן געלונגען אָפּצוטרעטן?...

סאשע, פלעגט זיך פאָרשטעלן אין געדאנק דעם אינדזל מיט די וואסער-אָטשערעטן, וווּ זיין לעצטער אויספּיר-אָפּעראציע איז פאָרגעקומען. ער האָט דייטלעך געזען, וווּ יעדער חבר זיינער ליגט באהאלטן און ער איז געקומען צום אויספּיר, אז יאָ, אנדערש האָט ער, וואָס איז געלעגן הארט לעבן בלינ־ דאזש, נישט געקאָנט האנדלען.

בלויז זיין שפּרונג האָט געקענט ראטעווען די איבעריקע...

אין ד לאנגע נעבט אין שפיטאל פלעגט סאשע ליגן און טראַכטן פון טאמארען, פון דער קליינער סוועלקען און בשום אופן נישט געקאַנט דערמאַנען זיך, דערמאָנען דעם נאָמען פונעם זון וואָס טאמארע, האָט געבוירן שוין נאָך זיין אוועקגיין אין דער ארמיי.

ער נעמט אלעמאָל ארויס די טעלעגראמע, וואָס ער האָט אין שפיטאָל באקומען פונעם אָרט, ווהין טאמארע, איז געווען עוואקואירט. איצט געפינט זי זיך שוין צוריק אין דער קרייז-שטאָט. זאָל עס נישט זיין קיין טעות: די עלעקטראָ-שווייסערן טאמארע קאמאראָווע אָפּגעפאָרן...״

ניט שוין זשע האָט זי זיך גענומען צו זיין שווערן פאַך. זי איז דאָך געווען א גוטע נייטאָרן. שטענדיק געהאַט טענות צו אים ו,למאי ער היט זיך נישט ביים שווייסן.

סאשע שליסט שטארק צו די אויגן. ער זעט זי אין א טונקלען ארבעט-קאָסטיום. די זשמוטן פייער באלויכטן איר פנים. אָט איז זי א הויכע, א קרעפ-טיקע און אָט א נידעריקע, כמעט א קינד. צי גאָר — סוועטע שטייט דאָרט איצט מיטן עלעקטראָד-האלטער אין קליינעם הענטל. ער עפנט די אויגן. דער ווייסער שניי איז עפּעס נאָך זויבערער געוואָרן. דורכן פענצטער קוקט אריין א היימישע געגנט. ביים ראנד פון הויכן באן-אנשיט ליגן נאָך דאָ און דאָרטן פארשנייטע באפּראָסטיקטע סקעלעטן פון וואגאָנעס, אוטאָס. די אייזליכטלעך וואָס הענגען פון זיי אראָפּ, גיבן זיי צו א שטארק משונהדיקן אויסזען. סאשען איז דאָ באקענט יעדער ווינקל, יעדער בערגל. דער צוג לויפט דורך נאָענטע קאנטן, די וואָקזאלן — הילצערנע באראקן — אלטע וואגאָנעס. דערנעבן זענען שוין ערטערווייז פארלייגט נייע בעטאָנענע פונדאמענטן. די ווענט און די פּאר-קענס זענען באדעקט מיט פּלאקאטן, אויפשריפטן, בילדער פון קאנדידאטן פאר דעפּוטאטן אין אויבער סאָוועט פון פססר...

אויף איינעם פון די וואָקזאלן ווו דער שנעלצוג האָט אויף קורצע עטלעכע מינוטן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, איז סאשע אראָפּגעקראָכן, אויפגיך אריינ-געלאָפן אין בופעט, און באלד ארויס צוריק אויפן פּעראָן. לויפנדיק צו זיין וואגאָן, האָט ער פּלוצעם באמערקט צווישן די בילדער פון די קאנדידאטן אויף די ווענט א היימיש געזיכט. אָבער טאקע גאָר גאָר און אייגנס. דער צוג האָט שוין געהאַט גערירט און דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין איבערגעלאָזט אויפן פּעראָן זיין קורצן שניידיקן פייף ווי איינער זאָגט. — מיר פאָ-אָרן! סאשע האָט זיך א לאָז געטאָן צום צוג.

מיטאמאָל אָבער האָט ער זיך געגעבן א דריי אויס צוריק, מיט איין האַ-סטיקער באוועגונג אראָפּגעריסן דאָס בילד פון דער וואנט און זיך געלאָזט לויפן

מיט אלע כוחות אין דער ריכטונג פון דעם אָפּגייענדיקן צוג. שוין שטייענדיק אויפן אייבערשטן טרעפּל פון וואגאָן, האָט ער גיכער דערפילט, איידער דערזען, ווי עמעצער איז אים נאָכגעלאָפן און אים געדראָט מיט א א לאנגן, אויסגעצויגענעם פינגער... צוגעפּאלן מיט צעפּראלטע בליקן צום בילד האָט סאשע בשום אופן ניט געקאָנט גלייבן זיינע אייגענע אויגן. חלום? וואָר?... א ביסל א געעלטערטע, אָבער מיטן זעלביקן חן, מיט זעלבן ענערגישן אויסדרוק אויפן פנים, האָט טאמארע צו אים געקוקט מיט אירע קלוגע, עטוואָס צוגעגזשמורעטע אויגן. ארום דער פּאָטאָ האָבן זיך געצויגן שורות געדיכטע, דריבנע, טאמארעס קורצע לעבנס-געשיכטע. שול, קאָמיוג, ווארשטאט. סאשע הייבט אלעמאָל אָן פון אָנהייב. פּלוצעם גיט עס אים א טראָג פון אָרט. די ווערטער באקומען זיך ביי אים, גלייך ווי ער סיליעט זיי אויף פּאמעלעך מיט א שרויפנציער און דרייט זיי ארויס פון זיין אייגענעם הארץ, פון זיין אייגענעם מוח... טאמארע... גריגאָריעוונעס מאן, דער אויסשפּירער אלעקסאנדער קאמאראָוו, האָט מיט זיין העלדישן טויט געזיכערט א וויכטיקן אויסשפּיר-אָפּעראציע און דערמעגלעכט אן אָנגריף פון א גרויסן מאסשטאב אויפן דרום פראָנט!!... די ווערטער רייסן זיך פון פּאפּיר און שווינדלען, שווינדלען פאר די אויגן:... עטלעכע טעג נאָך דער ידיעה וועגן מאנס העלדישן אומקום פארלאָזט טאמארע דעם ביי־ווארשטאט און נעמט זיך לערנען דעם מאנס פאך — עלעקטראָשווייסונג... „מיט איר מסירות-נפשדיקער ארבעט אלס עלעקטראָ-שווייסערן, איז חברטע קאמאראָווע באלוינט געוואָרן מיטן אָרדן פון דער רויטער ארבעטס-פאָן...“

*

ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויפן אָרט, איז שוין געווען נאכט. סאשע קאמאראָוו, איז ארויס פון וואָקזאל און זיך גענומען גיך שפּרייזן. ער האָט געטראכט וווהין צו גיין.

די פיס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער געביידע נעבן נאָענסטן וואלבאצירק. איבערן אריינגאנג זענען געהאָנגען בילדער פון קאנדידאטן... טאמארעס גרויס בילד האָט אראָפּגעקוקט וואך, לעבעדיק.

סאשע איז ארויף אויף די טרעפּ. די טיר האָט זיך פארמאכט הינטער אים מיט א היימישן, פריינטלעכן סקריפּ.

— —

אין עטלעכע טעג ארום האָט סאשע באגלייט טאמארען צו איר אין צעך. ער איז געשטאנען און זיך איינגעקוקט — ווי פעסט און זיכער זי פירט די שווייסונג. שוין אזויפיל צענדליקער חדשים האָט ער נישט געהאלטן דעם עלע-

קטראַד־שאַלטער אין זײַנע הענט. א הײסער שטראָם נעמט דורך זײַנע געבליטן. ס'טוט ווידער א זעץ מיט אַמאַליקן אימפעט.

ער בייגט זיך אַראָפּ און לייגט אַרויף זיינע פינגער אויף טאמאַרעס האַנט. א ווײַלע פירן זיי ביידע די שוויסונג. טאמאַרא ציט אָבער ביסלעכוויַיז אַרויס איר האַנט און גיט אים איבער די מאַסקע, וואָס פאַרטיידיקט די אויגן פונעם פייער־בלענד. זיין האַנט ציטערט אונטער. די נאָט קומט אַרויס צוערשט א ביסל ברייט, מיט א זיגזאַג. באַלד אָבער דערפילט ער זיכער צווישן די פינגער דאָס הילצערנע הענטל פון האַלטער און שוויס־נאָט לייגט זיך אָפּ גלייך, ווי א ווירע. טאמאַרע שטייט הינטער אים.

פון אירע אויגן האָבן א שטראָם געטאָן טרערן. זיי קייקלען זיך פון אירע באַקן און פאַלן אויף אַלעקסאַנדערס אָנגעבויגענע פּלייצע.

סאַשע שווייסט. דורכן טונקלען גלאָז פון דער מאַסקע זעט ער, ווי די שוויס־נאָט לייגט זיך אָפּ ווי א דין, אויסגעצויגן שנירל.

המשך

ווער עס האָט באַגעגנט דעם סקולפּטאָר ווידער רובינשטיינען נאָך זיין צוריקקער פון דער אַרמיי, האָט ער אים געמוזט גלייך א זאָג טאָן: — אַזוי ווי איר זענט געוועז חבר רובינשטיין, ניט געביטן אויף קיין האָר.

ליובען האָט זיך אַפילו אויסגעוויזן, אַז דער מאַן אירער איז פון דער מלחמה אַהיים געקומען עפּעס יונגער פריילעכער. פיר יאָר מלח.ה. שלומען גייט שוין דאָס פינפטע. אינגאַנצן ווידער, איז ער שלומל. אַז זיי זיצן ביידע ביים טיש, קאָן זי זיך ניט אָפּהאַלטן פון געבן אַלעמאָל א זייטיקן קוק אויפן „פּאָרל" צוויי טראָפּנס.

פיר יאָר מלחמה. שלומלען גייט שוין דאָס פינפטע. שטילערהייט אין זיך, וואונדערט זיך בפירוש ליובע, פון וואַנען ס'האָט זיך צו איר גענומען אַזויפיל כוח אויף צו קאָנען אים מיטטיילן באַצייטנס, באַשרייבן מיט אַלע פּיש-טשעווקעס ווו און ווי אַזוי זיינע עלטערן זענען אומגעקומען. אַריבער באַלד א יאָר פון דעמלט. ווידער, פרעגט זיך איצט כמעט נישט נאָך אָן אויף דעם. ווי נאָר אָבער ער האָט זיך גענומען צו קלעבן די ערשטע נאָכמילחמהדיקע סקולפּ-טור זיינע, האָט ליובע, ערשט אויף רעכט אָנגעהויבן באַמערקן די קנייטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין זיין געזיכט. דריוונענקע, קליינענקע קנייט-שעלעך, אָבער דאָך קנייטשן.

שוין א פּאָר וואָכן ווי ער האָט זיך א נעם געטאָן מיט ברען צו א נייער אַרבעט.

בטבע פלעגט ער ליב האָבן אַרומצושמועסן פון פריער אי די טעמע, אי די קאָמפּאָזיציע. פרעגן, זיך עצהן. און דער עיקר טאַקע מיט איר, מיט ליובען, אַרום שמועסן יעדן דעטאַל.

איצט פון זיינע ערשטע אַרבעטס-טעג האָט זי פּלוצעם דערפילט אין אים מיטאַמאָל א שטאַרקן איבערבייט. א האַרט הייטל האָט זיך אַראָפּגעצויגן אויף זיין גאַנצער האַלטונג.

ס'איז אירביים אַנהויב אויסגעקומען אי מאָדנע, אי אַ ביסל פּאַראיבל־דיק — זיין קאַלטקייט, זיין אָפּגעפרעמדטער בליק. זי האָט געפּרוווט מיט אים אַ שמועס טאָן, ווי איר שטייגער איז — ארומגיין, ארומקרייזן, „אַנלייגן וועגן אַבי אויף זיכער אָנקומען אויפן פּלאַץ״.

אָנגעקומען איז זי אָבער אין ערגעץ נישט.

פון טאָג צו טאָג האָט זי אָבער אַלץ טיפער אויפגענומען וויגדערס פאַר־חושטקייט.

גאַנצפרי אוועק אין זיין ארבעטס־ווארשטאט, פלעגט ער זיך אומקערן אהיים שפּעט אין דער נאַכט. ליובע געדענקט אים גאָר נישט אזא נערוועזן, אזא צעשטרייטן. ער ארבעט אַ סך ווייגדער, ליידנשאַפטלעך. און איז נישט גאַנץ זיכער מיט זיך. נישט צופרידן. צוויי קעפּ קלעפּט ער, וויגדער. קעפּ פון צוויי אַלטע לייט. נאָענטע. אייגענע. עס וויל זיך אים אין דער דאָזיקער סקול־פּטור אריינלייגן די גאַנצע ווארעמקייט, וואָס וועגן איר האָט ער קיינמאָל ניט ליב געהאט צו רעדן אינדערהויך. ער קלעפּט און קלעפּט און האָט צומאָל דאָס געפיל, וויגדער, אַז ער פורעמט זיין אייגן געזיכט. איבערהויפּט ביי די מוילווינקלען, ביי די אויגן.

און וואָס שטאַרקער עס וויל זיך ארויסברענגען אויף זייערע פּענעמער, זוניקייט, ליכט — אַלץ מערער קומען בייזע קעפּ ארויס מיט יעדן נייעם שטריך אַלץ מער פאַרוואָלקנט.

וויגדער גייט אַלעמאָל אָפּ אין אַ זייט. טרויעריק קוקן אויף אים ביידע אַלטע לייט. היימישע ליבע בליקן און אזא כּרעמדער פאַר זיי, ווייטער טרויער קוקט ארויס. ער לעשט אויס דאָס ליכט. אַ ווײַלע זיצט ער אין דער טונקל, אין קאָפּ שווינדלט, זכרונות שפּרינגען אום. גיך. אייליק. נישט צו פאַרהאַלטן זיי אין געדאַנק. פּלוצעם. אַ שטילער קלאַפּ אין דער טיר. ליובע מיטן קינד. דאָס ערשטע מאָל איז זי ביי אים אין ארבעטס־צימער. דאָס ערשטע מאָל זינט ער קלעפּט זיין נייע סקולפּטור.

אין דער פינצטער גאָר — וווּנדערט זיך ליובע — אין דער פינצטער! וויגדער גיט אַ דריי דעם ליכט־שאַלטער. זיי שווייגן ביידע. אירע אויגן גיסן זיך מיטאַמאָל אָן. אַ פּייכטער בליאַסק פאַרציט אירע אַפּלען. זי קוקט מיט אַזויפיל צערטלעכקייט אויף אים, אויף דער סקולפּטור. כּאָטש ער פילט, אַז ס'איז איבעריק עפּעס צו זאָגן רייסן זיך ביי וויגדערן די ווערטער אליין ארויס פונעם מויל: — דער טאַטע און די מאַמע...

פון לאנג ניט געהאט די צוויי ווערטער אויף די ליפּן. ער נעמט שלומלען אויף די הענט. דאָס קינד רירט אָן דאָס ליים. א קינדעריש שמייכל צעלייגט זיך איבער זיין גאנץ פּנימל. — א ציידע מיט א באבען.

א רגע ווייזט זיך ווידער אויס, אז אויף די געזיכטער פון ביידע אלטע לייט האָט דורכגעשוועבט שלומלס שמייכל. ער לאָזט אראָפּ דאָס קינד פון די הענט. האסטיק באוועגן זיך זיינע פינגער. עטלעכע נייע שטריכן. „דער זיידע לאכט — זאָגט שלומל — די באבע לאכט. ליובע שטייט לעבן ווידערן. זיי קוקן ביידע אויף די אלטע לייט און א קוים דורכזיכטיקער שמייכל צעשפּילט זיך אויף זייערע מוילווינקלען.

לאנג, לאנג שטייען זיי און פארגינען זיך ניט אוועקצוגיין. — א זיידע מיט א באבע, פינקלען שלומס אייגעלעך.

א זיידע מיט א באבע. ער גלעט די סקולפּטור, שלומל. און דער זיידע מיט דער באבע. שמייכלען ווי לעבעדיקע.

אינהאלט

פאָרוואָרט: מאיר ריספלעו 5

פון שכנישן דאָרף

באַגעגעניש 19
פון שכנישן דאָרף 23
פרילינג 25
ביים קאזארמישן טויער 27
אויפן שאָסיי 29
הארבסט 30
איבעבּרוך 31
א ניט דערזינגען ליד 34
צו יעקב שטערנבערג 37
כ׳האָב ווידער שוין פארמאכט א פאראנטעז 39
ס׳איז דאָ ביי מיר אין הארץ א לאנד 42
קוילן־שטריכן 44
מיט האנט צו דערלאנגען... 46
רעפלעקסן 49
עלעגיע 52
מיט שטריק וועל איך בינדן מיין גלויבן... 55
ס׳איז לייכטער צומאָל מיט א פשוטן ניגון 57
אָקטיאבער שפילט 60
דער זייגער פונעם קרעמל־טורעם 63
בענקשאפט 68
גישטאָ ביי אונדז קיין פוסטע שעה 70

עס וואָלט אזוי דיך ווײ געטון 72
שטילער דניעסטער שטילער... 74
ענטפער 75
צוריקקער 77
מײדאנעק 86
פרײנטשאפט 88
אז דײן זון וועט דיך פרעגן 90
וויש אויס מײן פּאָלק פון אויג די טרער 92
א גוט מאָרגן דיר וועלט 94

דערציילונגען

דער טאטע מיטן זון 99
צווי ברידער 108
זוניקער פארטאָג 116
באגעגעניש 125
המשך 129

לעקטאָר: מאיר ריספּלער
טעכנישער רעדאַקטאָר: שטעפאַן לעפּאַיצאַן

דרוק־פּעיק 9/V/1977. דערשינען 1977.
22.XI 1976/24298 הוין־דרוק־פּאַפּיר A. פֿאָרמאַט
86×61/16 פֿאַרלאַגס־בויגן 4,42 דרוק־בויגן
8,50. טיראַזש, געבונדן 80+65+20+10

דער דרוק איז אויסגעפירט לויט דער באַשטע־
לונג נומער 992/1 אין דער פּאָליגראַפֿישער אונ־
טערנעמונג „13־טער דעצעמבער 1918‟ גריגאָרע
אַלעקסאַנדרעסקו־גאַס נומ. 89—95 בוקאַרעשט.
סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע.